STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01937

DER SATMARER REBE

Aharon Rozmarin

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דער סאַטמאַרער רבי נר"ו

דער סאַטמאַרער רבי נר״ו

אַן אָפּשאַצונג

פון
אהרן רבינאַוויץ

גרינדער פון „דער איד"

אום פּאַבלישינג קאָ.

ניו יאָרק

תשכ״ז

Copyright 1967, *by*
OM PUBLISHING COMPANY
and
AARON ROSMARIN

All rights are reserved — No part of this book may be reproduced in any form and language whatsoever without permission in writing from the publishers.

איבערדרוקן אָדער איבערזעצן דאָס בוך אין גאַנצן אָדער אַ טייל
אָהן דער שריפטלעכער דערלויבעניש פון די אַרויסגיבערס איז פאַרבאָטן.

הנה כאשר זה איסור השגת גבול ידוע, ואדם יכול
לאסור את שלו, לכן הנני אוסר בחומרת האיסור
ששום איש בעולם לא ידפיס ולא יתרגם אפילו מקצת
ממנו בלי רשותי או בלי רשות הוצאת אום, אום
פאָבלישינג קאָ., והעובר ענוש יענש גם על פי חוקי
הממשלה שהוא כן בכל הארצות, והשומע ינעם לו,
ותבוא עליו ברכה.

OM PUBLISHING COMPANY
22 Ludlow Street
New York, N. Y. 10002

Printed in the United States of America by
BALSHON PRINTING AND OFFSET CO.

אינהאַלט

באַמערקונג .... ט
„מע" איז דער גרעסטער ליגנער .... י
אמת באַשטעהט, ליגן פאַרגעהט .... י
אָפּשטאַם, איגנט .... טו
דער איינגער רב גרינדעט ישיבות .... טז
ווערט טעטיק אַלס חסיד'ישער רבי .... טז
רב, רבי און ראש הישיבה .... יט
זיין פּאַטערליכע באַציאונג צו איינג און אַלט .... כ
פיל קאַלירנדיקע פערזענלאַכקייט, אַלץ אין איינעם .... כד

גאונות, צדקות, חסידות, חכמה, פיקחות, אהבת ארץ ישראל

עזרא הסופר־נחמיה'דיקער ציוני .... כח
אהבת ארץ ישראל אויך „בכיסו", מיט דער קעשענע ממש .... כח

אין אַמעריקע

זיין קאָלאָסאַלער איינפלוס אויף אידישקייט אין אַמעריקע .... לה
רעוואָלוציאָנעריש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון פרום אידישקייט .... לו
„מלא כל הארץ כבודו", דער איבערשטער איז אויך אין אַמעריקע .... לו
דער אַמאַליקער „גרינער" .... לט
שבת — דער פרנסה גיבער .... לט
די פיל פּאַכיקע טעטיקייטן .... מג
צענדליקער מיליאָנען דאָלאַרדיקע אינדוסטריען מ י ט שמירת שבת .. מד

אינהאַלט

דעם רבי׳נס קאַמף פאַר תורה אידישקייט אין ארץ ישראל .... מח

אָפּאָזיציע איז גוט, אָבער בלויז עהרליכע

קריטיק איז גוט, אָבער בלויז קאָנסטרוקטיווע, עהרליכע .... נב

נטורא קרתא, דער נאָבלסטער אידישער טיטל .... נה

די „מלשינים" .... סג

דעם רבי׳נס ביישטייערונגען צו ארץ ישראל׳ס אויף בוי .... סז

גרונדלאַגע, נישט באַרעכטיקטע באַשולדיגונגען .... סח

הושענות, שמיני עצרת, שמחת תורה ביי דעם רבי׳ן .... ע

הקפות .... עג

רעזומעי .... עו

די וויכטיקייט פון שבת

פון הרב דר. אהרן ראָזמאַרין .... פג

דער שבת בריוו .... צ

אגרת שבת, ששלח השבת לרבי אברהם אבן עזרא, ז״ל .... צא

תורה, דער כוח פון תורה .... צב

בילדער

אין אייראָפּע

דער ישמח משה, זצ״ל .... יג
דער רבי שליט״א אין זיינע אינגערע יאָרן .... יז
דער רבי באַגריסט דעם רומענישן קעניג קאַרל .... כא
דער רבי אין בערגען בעלזען קאָנצענטראַציע לאַגער .... כה

אין דער שווייץ

דעם רבי׳נס ערשטער סידור קידושין, נאָך זיין
באַפרייאונג פון לאַגער, אין דער שווייץ .... כט
דעם רבי׳נס ערשטע סנדיקאות, נאָך זיין
באַפרייאונג פון לאַגער, אין דער שווייץ .... לג

אין אַמעריקע

דער רבי אין אַן אויף געלעגטער שטימונג .... לז
אַ ניו יאָרקער גאָווערנאָר־קאַנדידאַט באַזוכט דעם רבי׳ן .... מא
דער ניו יאָרקער מעיאָר וואַגנער באַזוכט דעם רבי׳ן .... מה
דער רבי ביי אַ כינוס אין ברוקלין .... מט

אויף דעם וועג קיין ארץ ישראל

דער רבי אויף דער שיף קיין ארץ ישראל .... נג

דער רבי אין ארץ ישראל

דעם רבי׳נס אָן קומען אין ארץ ישראל .... נז
די „עדה החרדית״ אין ירושלים גיבט
קבלת פנים דעם רבי׳ן שליט״א .... סא
דער רבי נר״ו פאַרטיפט אין לערנען .... סה

באַמערקונג

פאַראַן אַ זאָג:

„ספר בלי הקדמה   כגוף בלי נשמה".

אַ בוך אָהן אַן איין לייטונג, אָהן אַ פאָרעד, איז ווי אַ קערפּער אָהן אַ נשמה. איז זאָלן די פאָלגענדיקע פאָר באַמערקונגען דינען ווי אַ הקדמה.

אין די לעצטע צוויי און אַ האַלב צענדליק יאָרן בערך איז פאָר געקומען פאַר אונזערע אייגענע אויגן אַ געוואַלדיקע, ממש רעוואָלוציאָנערע ענדערונג צום גוטן, ברוך השם, אין דעם אידישן לעבן אין ניו יאָרק.

מיט קאָלאָסאַלן שוואונג זיינען אויף געשפּרונגען ווי איבער נאַכט נייע, גרויסע ישיבות, מתיבתות, כוללים פון פאַרשידענע גאַטונגען.

שטיבלאַך פון אַלערלעי סאָרטן, פון גרויסן אוים וואַל, חסיד'יי שע, מתנגד'ישע, מיט פאַרשידענע נוסחאות, נוסח ספרד, אשכנז, אר"י, ליובאַוויטש, האָבן באַוויזן זיך ממש ווי איבער נאַכט אין פאַרשידענע געגנטן אין גרוים ניו יאָרק, כן ירבו.

גאַנצע געגנטן ווי וויליאַמסבורג, קראַאון הייטס, באָראָ פּאַרק, פאַר ראָקאַוועי, און אין אַנדערע שטאָט טיילן אין גרויס ניו יאָרק וואו שמירת שבת, כשרות, און אַזוי ווייטער, זיינען געווען ליידער אַ זעלטנהייט, זיינען היינט צו טאָג שוין קהילות, וועלכע קאָנען פאַרמעסטן זיך מיט די אַ מאָלעדיקע קהילות אין אונגאַרן, פּוילן, ליטע, רומעניע, וואָלין...

אויך דער אינטערעס פון דעם אַמעריקאַנער פרום אידנטום אין דעם אויף בוי פון אַ תורה'דיק ארץ ישראל איז געוואָקסן שטאַרק.

דאָס אַלץ און נאָך, איז צו פערדאַנקען די לעצטנס אַריבער געקומענע ראשי הישיבות און די חסיד'ישע רביים. און דאָס איז נישט בלויז פאַר זייערע גוטע אויף טואונגען און לייסטונגען אין זייערע אייגענע קרייזן, נאָר אויך פאַר זייער זעהר גרויסן איינפלוס אויף די מנהיגים פון אַנדערע קרייזן, וועלאַכע האָבן באַקומען מעהר אַנרעהגונג, מעהר חשק, מעהר מוט, צו אָן געהן מיט זייערע לייס־טונגען מיט מעהר פלייס, מיט מעהר ענערגיע.

מיט באַצוג, אָבער, צו דעם ענין ארץ ישראל שטעהט דער סאַטמאַרער רבי שליט"א ג אָ ר ב אַ ז ו נ ד ע ר ס און כ ס ד ר אין דעם פאָדער גרונט. דער ברען מיט וועלאַכן דער רבי האָט געקעמפט פאַר אַ „יקוב הדין את ההר" אידישקייט אין דער אַלטער היים, איז ווי לבנה אַנטקעגן זון אין פאַרגלייך מיט דעם פלאַמעדיקן פאַטאָס, מיט דעם אייפערדיקן אייפער, מיט וועלאַכן ער קעמפט איצט פאַר אַ לעבן אין ארץ ישראל ע ל פ י ת ו ר ת י ש ר א ל. און דאָס דאַרף און מוז זיין אַזוי, ווייל דער צד שכנגד, דער איצטי־קער געגנער איז פיל מעכטיקער. דער „אוחז ביד" האָט שטענדיק דעם פאָרצוג.

„מע" איז דער גרעסטער ליגנער

פאַרשטעהט זיך אַז דעם סאַטמאַרערס שטעלונג שמעקט שוין גאָר נישט די פאַרשידענע ציון'יסטישע פאַרטייען, פראַקציעס, סימפאַטיקערס, אין דער גאָרער וועלט. זייענדיק, אָבער, אָרים אין אויטענטישע באַווייזן צו קאָנען אָפּ שלאָגן דעם רבי'נס פאַקטישע אַרגומענטן, שוצט מען זיך אונטער אַ פאַרטאַך פון נישט געשטויגענע, נישט געפלויגענע קלאַנגען: „ מ ע ז אָ ג ט . . .". און ווי באַוויסט איז „ מ ע " דער גרעסטער ליגנער.

אמת באַשטעהט, ליגן פאַרגעהט

אונזערע חכמים ז"ל זאָגן „קושטא קאי, שקרא לא קאי". דער אמת'ער טייטש איז: אמת באַשטעהט, ליגן פאַרגעהט. אין אונזער פאַל וואָלט איך הקטן געטייטשט: דער אמת שטעהט פעסט, אויף אַ פעסטן פונדאַמענט. דער ליגן אָבער קאָן נישט

שטעהן. לויפט ער. ער פארשפרייט זיך גיך. דער מלאך וועלאַכער האָט צו זאָגן איבער לשון הרע העלפט אים צו. ער דאַרף קיינע באַווייזן, קיינע פאַקטן. דעם ליגן גלויבט מען.

און ווי זאָגט דאָסווערטל „קליינע קיעך, וואָס גרויסע שפייען". די פירערס פאַרפירן, און די געפירטע לאָזן זיך פאַרפירן.

האָט געשאַפן זיך ביי פילע מענטשן אַ פאַרטרעט פון דעם סאַטמאַרער רבי'ן, וואָס איז דיאַמעטריש פונקט דאָס געגן טייל פון דעם, וואָס ער איז אין דער ווירקלאַכקייט. אַ בילד געמאָלן פון מענטשן וועלאַכע האָבן נישט נאָר נישט מתווכח געווען זיך מיט דעם רבי'ן וועגן דעם ענין ארץ ישראל. נאָר זיי האָבן אַפילו קיין מאָל געזען אים. קיין איין מאָל געהערט אים.

דער קאָנסעקווענץ פון דעם איז, וואָס צוויי שיכטן מענטשן באַגעהען צוויי קאַרדינאַלע עוולות געגן דעם רבי'ן.

די קריטיקערס [בלשון נקיה!!] באַגעהען די עוולה פאַר נישט באַמיען זיך צו באַקענען מיט דעם רבי'ן, צו אוים דרעשן דעם ענין ארץ ישראל, מתווכח זיין זיך מיט אים אויף אַן אַנשטענ־דיקן אופן, וועגן דעם גאַנצן ענין ארץ ישראל. זיי וואָלטן דענצמאָל איבער צייגט זיך אַז סע זיינען פאַראַן צוויי סאַטמאַרער רבי'ס: איינער לויט ווי זיי האָבן איין גערעד דעם עולם־גולם, ביי וועמען „מע" זאָגט איז אַ געשמאַקער ביסן; און איינער דער ריכטיקער, דער אוהב עם ישראל, דער חובב ארץ ישראל, דער גאון, דער גרויסער צדיק, דער גרויסער בעל צדקה, און נאָך, און נאָך.

דער צווייטער קלאַס מענטשן, מיט אַ פען אין דער האַנט, וועלאַכער האָט ביז איצט נישט באַמיט זיך צו באַקענען זיך מיט דעם רבי'ן, צו גיבן אַ שילדערונג פון דעם ריכטיקן, אמת'ן סאַט־מאַרער רבי. אַ זאַך, וואָס זיי זיינען שולדיק זייער אייגענעם געוויסן, זייער אייגענער פראָפעסיע, ועל כולם דער אידישער גע־שיכטע, די קומענדיקע דורות.

און אָט דערפאַר האָט מיין ווייניקייט גענומען אויף זיך דעם היילקן חוב צו ביישטייערן כאָטש איין קאַפיטל צו דעם גרויסן ווערק וואָס פאָדערט זיך צו שילדערן, צו באַשרייבן די פיל זייטי־קייט פון דער קאָליר פולער, פענאָמענאַלער פערזענלאַכקייט — סאַטמאַרער רבי נר"ו.

א. ר.



הגאון הצדיק האדמו"ר
ר' משה טייטלבוים, זצ"ל

מחבר פון „ישמח משה" אויף תורה און
אויף אגדות פון ש"ס, „תפילה למשה" אויף
תהלים, און שאלות ותשובות „השיב משה"

אַפּשטאַם, איגנט

דער סאַטמאַרער רבי ר׳ יואל טייטלבוים נר״ו איז געוואָרן געבאָרן אין דער שטאָט סיגעט, אונגאַרן, שפּעטער רומעניע. ער שטאַמט פון גרויסן יחוס.

זיין פאָטער הגאון הצדיק ר׳ חנניא יום טוב ליפּא טייטלבוים ז״ל איז געווען רב אין סיגעט, און דער מחבר פון דעם ספר „קדושת יום טוב״ אויף תורה. ער איז געווען דער איידעם פון דעם זלאָטשעווער רב, הגאון ר׳ יואל אשכנזי, מחבר פון שאלות ותשובות מהר״י אשכנזי, זצ״ל.

זיין זיידע איז געווען הגאון הצדיק ר׳ זלמן לייב ז״ל, דער מחבר פון די ספרים „יטב לב״ אויף תורה, „רב טוב״ אויף תורה, „יטב פנים״, „שאלות ותשובות אבני צדק״.

זיין עלטער זיידע איז געווען הגאון הצדיק ר׳ אלעזר ניסן ז״ל, רב אין דרוביטש, גאַליציע.

זיין עלטער, עלטער זיידע איז געווען הגאון הצדיק ר׳ משה טייטלבוים ז״ל, רב אין אוהעל, און דער מחבר פון די ספרים „ישמח משה״ אויף תורה און אויף אגדות אין ש״ס, שאלות ותשובות „השיב משה״, און „תפילה למשה״ אויף תהלים.

ווען דער „ישמח משה״ איז געקומען קיין לובלין, האָט מען באַצייכנט אים אַלס „דער אייזערנער קאָפּ״. ער איז געווען דער גרינדער פון דער סאַטמאַרער דינאַסטיע. חסידים האָבן געזאָגט אויף אים, אַז ער האָט אַ ניצוץ, אַ פינק פון ירמיה הנביא, ווייל ער האָט געטרויערט כסדר אויף חורבן ירושלים.

אַלס אינגל האָט דער צוקונפטיקער סאַטמאַרער רבי גע־לערנט אין זיין פאָטערס ישיבה. אַ דאַנק זיין התמדה אין לערנען און זיינע פיל זייטיקע גייסטיקע פעאיקייטן, וועלאַכע האָבן שוין אין זיין פריסטער איגנט געזאָגט פאַראויס פאַר אים אַ גלאַרייכע צוקונפט אַלס גאון, צדיק און מנהיג, איז ער געשטיגן פון טאָג צו טאָג אין לערנען. זיין נאָמען אַלס למדן, אַלס אינגער עילוי הייבט

אן ווערן בעקאנט. און ער באקומט סמיכות פון פארשידענע גאונים אין זיין צייט.

אלס אינגער בחור האט ער חתונה געהאט מיט דער טאכטער פון הגאון הצדיק ר׳ אברהם חיים הורוויץ, פלאנטשער רב און רבי ז״ל.

דער אינגער רב גרינדעט ישיבות

אלס דריי און צוואנציק יאריקער אינגער מאנטשיק, ווערט ער אויף גענומען מיט גרויס כבוד אלס מרא דאתרא אין דער שטאט ארשאווע, און שפעטער אין דער שטאט קראלע. ער גרינדעט דארט ישיבות. און דער אינגער רב איז טעטיק דארט סאי אלס מרא דאתרא, און סאי אלס ראש הישיבה. ער איז מקיים דעם „ללמוד וללמד״. ער פארשפרייט תורה, און צוזאמען מיט דעם געהט ער אליין אויך מחיל אל חיל. ער האלט אליין אויך אין איין שטייגן אין לערנען. זיין נאמען ווערט אלץ מעהר בעקאנט ווייט און ברייט מיט יעדער טאג. און די באוויסטע קהילה אין יענער צייט, די געמיינדע פון דער שטאט סאטמאר נעמט אויף דעם אינגן גאון אלס זייער רב, אלס נאך פאלגער פון דעם מרא דאתרא הגאון ר׳ יהודא גרינוואלד זצ״ל.

ווערט טעטיק אלס חסיד׳ישער רבי

נאך זיין פאטערס פטירה כ״ט שבט, תרס״ד, האט דער אינגער רב אן געהויבן צו ווערן טעטיק אלס חסיד׳ישער רבי. סע האבן אן געהויבן קומען צו אים חסידים, פון נאענט און פון ווייט. מיט זיין כסדר׳דיק שטייגן אין לערנען, אין נגלה און אין נסתר, מיט זיין התנהגות, מיט זיין טעגליכער לעבנס אויף פירונג בקדושה ובטהרה, מיט זיין אהן קאמפראמיסלאכן קאמף פאר אן אמת׳דיק ריין, אהן קאמפראמיסלאך אידישקייט און אידענטום, איז גלייך צייטיק געוואקסן די צאל פון זיינע חסידים, פון אנהענגערס און סימפאטיקערס וועלכע זיינען סוף כל סוף, פריער אדער שפעטער געווארן „געכאפט״ אין „סאטמאריזם״, און זיי זיינען געווארן פלאם פייערדיקע סאטמארער חסידים.



דער רבי נר"ו אין
זיינע אינגערע יאָרן

רב, רבי און ראש הישיבה

אַט אַזוי האָט דער דענצמאָל פאַרהעלטניסמעסיג אינגער רב, רבי און ראש הישיבה, אָן געהויבן צו ווערן גרויס, גרעסער און באַרימטער: אַ דאַנק זיין האַלטן אין איין שטייגן אין לערנען, זיינע פון הימלס געבענטשטע פעאיקייטן צו זיין אַ פירער און נישט אַ געפירטער, און זיין „אויף שטעלן" און ערציען אַ גרויסע צאָל תלמידים, צווישן זיי גרויסע לומדים. „וחוט המשולש לא במהרה ינתק", אמן כן יהא רעוא.

זיין ווערן פאַרעהרט אפילו פון זיינע פאַרביסנסטע געגנערס איז דער פועל יוצא פון זיין מסירת נפש'דיקן הייליקן קאַמף פאַר אַ קרישטאָל ריינע, עכטע, נישט באַשמעלצטע אידישקייט; פאַר אַ הר סיני אידישקייט, לויט דער אויסטייטשונג און פאַרטייטשונג פון חכמינו און רבותינו ז"ל.

סע איז דער קאָנסעקווענץ פון זיין ממשות'דיקער אַקטיווי־טעט, פון זיין לעבעדיקער, ערמוטנדיקער און קאָנקרעטער טעטיקייט מיט וואָרט און מיט טאַט אין אַלע פאַזן, און אין אַלע אַנגעלעגנ־הייטן פון אונזער רעליגיעזן, געזעלשאַפטליכן און אידיש פּאָליטישן לעבן אין אַמעריקע ווי אין ארץ ישראל.

סע איז דער רעזולטאַט פון זיין טיפן אינטערעס אין דעם פּריוואַטן גייסטיקן און עקאָנאָמישן לעבן פון יעדן איינעם פון זיינע חסידים, נאָך פאָלגערס, סימפּאַטיקערס, און פון יעדן אידן בכלל וועלאַכער ווענד זיך צו אים נאָך וואָס סע זאָל זיין. זיין נשמה, זיין האַרץ לעכצן מיט פאַטערליכער ליבשאַפט און איבער געגיבנ־קייט צו העלפן מיט ראַט און טאַט, ועל כולם אויך „בכיסו", מיט געלט ממש, די יעניקע וועלאַכע נייטיקן זיך אין זיין הילף.

איך האָב אַ מאָל געבעטן דעם רבי'ן אָן עצה, האָט ער געענטפערט מיר מיט זיין גוט בעקאַנטן ליבן שמייכל „אָן עצה מיינט געלט". נעמלאָך, אַז דער עצה בעטער דאַרף געלט.

זיין פאטערליכע באציאונג צו יונג און אלט

אט איז א ביי שפיל פון דעם רבי'נס פאטערליכער באציאונג צו גרויס און קליין, איינער פון אהן צאליקע. סע איז טאקע א גאר פשוט'ער ביי שפיל, אבער ער דערצעהלט אהן א שיעור פיל, הארצידיקס :

אויף זיין באזוך נישט לאנג צוריק אין ארץ ישראל האט מיין זון משה נר"ו, א תלמיד אין דער דארטיקער בריסקער ישיבה, באזוכט דעם רבי'ן שליט"א, און געשמועסט אין לערנען. געווען איז דאס שבת צו נאכטס נאך חצות. די גאס איז געווען בעלאגערט מיט הונדערטער אידן נאך אין די שבת'דיקע מלבושים אויף דעם וועג אהיים פון די שטיבלאך, וועלכע האבן נאך נישט באוויזן צו נעמען שלום. אין גאנצן איז דער רבי געווען דענצמאל פאר-העלטניסמעסיג א זעהר קורצע צייט, א דריי וואכן בערך. און דער רבי האט געהאט גענוג צו טון. סע איז געווען דער ריכטיקער „היום קצר והמלאכה מרובה". דער רבי איז דאך דער נאך פאלגער פון דעם „לפלגות ראובן" ז"ל אלס אב בית דין פון דער ארץ ישראל'דיקער עדה חרדית. ער איז דער ראש פון די סאטמארער ישיבות אין דעם הייליקן לאנד. ער בויעט קרית יואל. טויזנטער חסידים, און גלאט פרומע אידןווארטן שעה'ן לאנג אויף דער גאס לעכצנדיק צו נעמען שלום. ער האט אזוי פיל צו ערלעהדיקן אויף אזא צייט באשרענקטן באזוך. און דאך האט ער צייט צו שמועסן מיט א ישיבה בחור אין לערנען. אט דא זעט מען דעם אמת גרויסן ראש הישיבה און רבי.

און נאך מעהר, ביי דעם געזעגענען זיך טוט דער רבי-ראש הישיבה א פרעג דעם ישיבה בחור וועגן „מה נאכל", וועגן זיינע „פינאנצן". דער אמת'ער ראש הישיבה זארגט פאר דעם תלמיד'ס מאטעריעלע אנגעלעגנהייטן פונקט ווי פאר די גייסטיקע. „אם אין קמח, אין תורה". א בחור זיצט יומם ולילה און לערנט, דארף מען זען ער זאל האבן צו עסן. אין דעם פרט האט דער תלמיד טאקע נישט בעדארפט עס. אבער ווער ווייסט וויפל תלמידים, נישט בלויז סאטמארער, דער רבי האט שוין געהאלפן! אט דא זעט איר דעם גרויסן איבער געגיבענעם ראש הישיבה, וועלכער דרינגט באלד אריין אין דעם תלמיד'ס לאגע.

דער רבי באַגריסט דעם רומעניִשן קעניג קאַרל

הלל איז געווען אין זיין איגנט אַ גרויסער אָרימאַן. ער פלעגט פאַרדינען אַ „טרפעיק" אַ טאָג פון האַקן האָלץ, א). פאַר אַ האַלב האָט ער געשפייזט זיין הויז געזינד. די צווייטע העלפט פלעגט ער באַצאָלן שכר לימוד אין דער ישיבה.

נאָך דעם ווי ער איז געוואָרן נשיא, פלעגט ער שמחת בית השואבה, ווען ער איז געווען זעהר פרעהלאַך, אויס שרייען: „אם אני כאן הכל כאן", ב).

איינער פון די מעהרערע טייטשן איז: אם **אני כאן,** אויב **איך** הלל בין **דאָ,** אויב איך בין אין בית המדרש, אויב איך בין דער ראש הישיבה, הכל כאן, קאָן יעדער איינער אַריין קומען פריי צו לערנען, אויב ער איז נישט בכוח צו צאָלן שכר לימוד. און דאָס איז אויך דער דרך פון דעם סאַטמאַרער ראש הישיבה. און נאָך מעהר, נויט בעדאַרפטיקע תלמידים ווערן נאָך אויס געהאַלטן מיט שפייז, געלעגער און אַ מלבוש.

און נישט בלויז אַלס ראש הישיבה, נאָר אויך אַלס רבי איז ער דורך געדרינגען מיט פאָטערליכער ליבשאַפט, מיט פאָטערליכער איבער געגיבנקייט. ווען איך בין געקומען אָפּ נעמען אַ גרוס פון מיין זון, באַגיגט זיך נישט דער רבי מיט בלויז אָפּ גיבן אַ גרוס, נאָר ער טוט אַ זאָג צווישן אַנדערס: נו, און וואָס איז מכוח אַ שידוך? אויף מיין ענטפער: אַז סע איז דאָך פאַראַן דער „מזווג זווגים", מסתמא וועט ער העלפן. באַמערקט דאַרויף דער רבי: אַ ודאי, אַ ודאי. אָבער מע דאַרף אַליין אויך טון עפּיס וועגן דעם.

אָט דאָ זעט איר, אַן אמת'ן מנהיג. אַן אמת'ער, איבער געגי־בענער מנהיג איז דער פאָטער פון זיינע צאן קדשים. אַ רבי דאַרף זיין אי אַ פירער און אי אַ טאַטע,ביידע. ער דאַרף זאָרגן פאַר דעם קינדס תורה, אידישע ערציאונג, אַז דער תלמיד זאָל האָבן וואָס צו עסן. און ווען די צייט קומט זאָל ער טון אַ שידוך. טוט ער

א) אין תלמוד ירושלמי, תלמוד בבלי, מדרש, אגדה, זהר ווערט נישט געבראַכט אַז הלל איז געווען אַ האָלץ האַקער. דער רמב"ם ז"ל ברענגט יאָ „שהלל הזקן היה חוטב עצים". זעט מיין בוך „די שעהנקייט פון אידנטום", זייט 112.

ב) סוכה נג, א, אויבן. רש"י דאָרט זאָגט אַז הלל האָט געמיינט דעם אייבערשטן. אָבער זעט דאָרט תוספות. אגב, די צאָל פון די אותיות **הלל** באַטרעפט פינעף און זעכציק, פונקט ווי די צאָל פון דעם וואָרט **א ד נ י**, וואָס מיינט אייבערשטער.

דאָס נישט, איז ער קיין רבי און קיין מנהיג. און דער סאַטמאַ־רער נר״ו, דער גרויסער ראש הישיבה, דער גאון האדיר, און דער מנהיג פון אונזער דור בחסד עליון, איז דאָס, און עד מאה ועשרים שנה, אמן כן יהא רעוא.

פיל קאָלירנדיקע פערזענלאַכקייט, אַלץ אין איינעם

בעת אָט די אַלע אויבן דערמאַנטע קאַרדינאַלע אַטריבוטן, די הויפּט מידות, וועלאַכע אַן אמת'ער מנהיג הדור מוז באַזיצן, געפינען זיך זעהר, זעהר זעלטן אין איין און אין דער זעלבער פּערזאָן. איז דער סאַטמאַרער רבי געבענטשט מיט זיי אַלע, און נאָך מיט אַן עודף. אין אים איז קאָנצענטרירט אַ קאָלעקציע פון אַלץ וואָס איז גוט, שעהן, עטיש, הומאַניטאַריש, מענטשלאַך. ער איז שטרענג וואו סע פאָדערט זיך. ער ווייזט אַרוים פאַטערליכע ליבשאַפט וואו סע נייטיקט זיך. ער איז באַזעעלט מיט אַלע מעלות, מיט אַלע קוואַליטעטן וועלאַכע אַ מנהיג פון גרויסן, אַלזייטיקן פאַרנעם מוז באַזיצן. ער איז הימליש געבענטשט מיט די אַלע נויטיקע מעלות. און דערפאַר איז ער דער פירער פון אונזער צייט.

גאונות, דער סאַטמאַרער רבי איז אַ גאון אין לערנען. סע איז געלינגען מתנגדים אין אַ געוויסער מאָס צו איין רעדן מאַנכע שיכטן פון פאָלק, אַז רביים זיינען קיינע לומדים [למדנים]. און אַז מע גיט אַ רעכן אוים אַ גרוים צעטל פון רביים וועלאַכע זיינען אַנערקענטע גאונים, איז דער ענטפער: דאָס איז געווען אין די פריערדיקע דורות. אָבער בנוגע דעם סאַטמאַרער, הכל מודים, אפילו ליטווישע לומדים, אַז דער רבי איז אַ גאון אין לערנען.

צדקות, איך האָב נאָך נישט געהערט אפילו פון די פאַר־ביסנסטע געגנערם אַ נישט גינסטיקע באַמערקונג וועגן דעם סאַט־מאַרער רבי'נס צדקות. איז דאָך דאָס זיכער אַזוי לכל הדעות. אויף דעם איז דאָך לית מאן דפליג.

חסידות, חסיד איז די טייטש פרום, עהרליך; פרום צום אייבערשטן, עהרליך צו מענטשן, ווי צום ביי שפיל אין פילע

אָט אַזוי האָט דער רבי בעזהי״ת אָפּ
געראַטעוועט זיין באָרד און פּאות פון
אָפּ שעהרן אין בערגען בעלזען לאַגער

ערטער אין תהלים; און אין שפּעטערע דורות, ווי למשל רבי יהודה החסיד, ר' אלי' חסיד [דער ווילנער גאון] זצ"ל. דעם סאַטמאַרער רבי'נס חסידות איז אַ „יקוב הדין את ההר"'דיקע פרומקייט, און אַ קרישטאָל זויבערע עהרליכקייט. אַ פרומקייט וועלכע דעקט כחוט השערה'דיק דאָס „בין אדם למקום"'דיקס; אַן עהרליכקייט וועלכע פירט דורך פולקאָם דאָס „בין אדם לחבירו"'דיקס. און אויך דאָס פרעגט קיין מענטש אַפּ.

חכמה, פיקחות — ווען איר זיצט מיט דעם סאַטמאַרער רבי'ן אַ שעה ווערט איר קלוג אויף אַ יאָר. זיין קלאָרע לאָגיק, זיין שכל הישר'דיקע אַנאַליזירונג פון פאַרוויקלטע ענינים, פליאַנ-טערט אויף אייער קאָמפּליצירסטן פּראָבלעם, און עפנט אויף אייערע אויגן. דער פּראָבלעם ווערט אוים, כלא היה, גלייך ווי ער וואָלט גאָר נישט עקזיסטירט אין גאַנצן.

אָפט מאָל איז דעם רבי'נס ענטפער אַזוי פּשוט'דיק און אַפילו עפּים מאָדנע. אָבער אַז איר גיבט זיך אַ פערטראַכט אין דעם, זעט איר אַז די פּשוט'קייט איז אַזוי קערנדיק אמת, אַזאַ אָהן באַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז איר קאָנט בשום אופן אַפּ פרעגן אים, און איר מוזט צו שטימן. איך האָב געפרעגט אַ מאָל דעם רבי'ן צו מוזן טאָקע זיינע תלמידים אוים זען אַזוי אויסערלאַך. האָב איך באַקומען דעם ענטפער: דערפאַר ווילן דאָך נישט די נישט-אידישע מיידלאַך זעצן זיך נעבן זיי אין די סאַבוועים.

אין פלוג קלינגט עס עפּים אַזוי פשוט. אָבער סע איז דאָך פאָרט אַזוי קערנדיק אמת'דיק. אויב דאָס העלפט צו אויף האַלטן פרום אידישקייט, און סע שאַד קיינעם, דאַרף מען אוים נוצן אויך דאָס דאַזיקע מיטל.

אהבת ארץ ישראל — אַ נשמה-האַרציקע ליבשאַפט פאַר ארץ ישראל, וועלכע שטעלט אַוועק אין אַ שוואַרצן שאָטן די קעשענע ליבע צו מדינת ישראל פון די פּראָפעסיאָנעלע ציון'יסטן, וועלכע זויגן „דאָס מאַכן אַ לעבן" פון קהל'ס פושקעס.

עזרא הסופר־נחמיה׳דיקער ציוני

אויב די באצייכענונג ציון׳יסט מיינט עפּיס, איז דער סאטמארער רבי דער אמת׳ער ציון׳יסט, דער עזרא הסופר־נחמיה׳דיקער ציון׳יסט, וועלכער האט אויס געריייניקט דאס הייליקע לאנד פון אלע טומאות, און אריין געבראכט צוריק אין ציון הר חורב׳דיק אידישקייט.

„חובבי ציון״, ציון׳יסטן, זיינען נישט די וועלכע דולדן חזיר, מיסיאנערן, שמד, אידישע טעכטער אין דער ארמעי, פאלמעסן אידישע מתים און אזוי ווייטער. ניין. זיי זיינען שונאי ציון, כאטש זיי זיינען די פירערס פון דער מדינה. אבער זיי פילן עס ליידער נישט.

די אמת׳ע ציון׳יסטן זיינען די „נטורי קרתא״, די עזרא הסופר׳דיקע ציון׳יסטן. און דער גרעסטער עזרא הסופר־נחמיה׳דיקער אוהב ארץ ישראל אין אונזער דור, איז דער סאטמארער רבי נר״ו.

אהבת ארץ ישראל אויך „בכיסו״, מיט דער קעשענע ממש

דעם רבי׳נס אהבת ארץ ישראל דריקט זיך אויס נישט אין פוסטע פראזן, נאר אין מעשים, טאטן, און „בכיסו״, מיט דער קעשענע ממש. דער רבי באזוכט ארץ ישראל א פאר וואכן, לאזט ער איבער דארט מעהרערע צענדליק טויזנטער דאלארן. ער האט א מאל באמערקט: „אין אמעריקע גיבט מען מיר געלט, און איך גיב עצות. אין ארץ ישראל גיב איך געלט, און מע גיבט מיר עצות״.

וויפל ביישטייערן די באצאלטע פראפעסיאנעלע „ליב האבערס״ פון ארץ ישראל צו דעם אויפבוי פון ציון?! וויפל?! דער ענטפער איז חי מאל גאר נישט!

געוויס, זיי ברייגנן טאקע אריין דאלארן אין ארץ ישראל. אבער נישט צו העלפן דערמיט דעם אויפבוי פון דעם לאנד. ניין.

דעם רבי'נס ערשטער סידור קידושין, נאָך זיין
באַפרייאונג פון בערגען בעלזען, אין דער שווייץ

נאָר צו קויפן נאָך באָדן, נאָך סטאָקס, צו אינוועסטירן אין נייע אונטער נעמונגען, וכדומה.

זיי האַלטן אין איין פליען אַהין און צוריק. די אַמעריקאַנער פליען אַהין, און די מדינת ישראל׳דיקע פליען אַהער יעדער מאָנטיק און דאָנערשטיק אויף פערזאַמלונגען, באַרוטונגען, וכדומה. און מתנות פאַר דער פאַמיליע און פריינד דאַרף מען אויך מיט ברענגען. און דאָס אַלץ איז אויף קהל׳ס קעשענע.

דער סאַטמאַרער רבי אַליין שיקט איבער קיין ארץ ישראל אַן ערך 150,000 דאָלאַרן אַ יאָר. ווי פיל ביישטייערן די „פאַר־ברענטע״ ציון׳יסטישע פירערס וועלאַכע לעבן פון ציון׳יזם, האָבן „ריל עסטעיט״ אין ארץ ישראל פון ציוני׳זם, האָבן אַ „האַנט״ אין געוויסע אינדוסטריעס, און זיינען שותפים אין אַנדערע, וויפל ?! צוויי מאָל חי גאָר נישט!

די חכמים ז״ל לערנען אונז, אַז אַפילו אַן אָרימאַן וועלאַכער לעבט פון צדקה, איז אויך מחויב צו גיבן צדקה, א) אַ פשיטא שוין דער וועלאַכער „מאַכט אַ גאַנץ שעהן לעבן״ פון צדקה, נאָך מיט לעכצנדיקער „פובליסיטי״ אַלס צו גיב.

צדקה — סע איז באַוויסט ווייט און ברייט אַז דער רבי איז אַ גרויסער בעל צדקה. הכל מודים, יעדער איינער אַנערקענט אַז דער רבי האָט אַ „פתוח תפתח״׳דיקע האַנט פאַר נויט בע־דאַרפטיקע אינסטאַנצן, יחידים סאַי אין אַמעריקע, סאַי אין ארץ ישראל און סאַי אין אַנדערע לענדער. יודעי חן זאָגן אַז ווען מע גיט דעם רבי׳ן געלט, געהט עס אַריין אין דער לינקער קעשענע, און סע גליטשט זיך אַרויס באַלד דורך דער רעכטער קעשענע אויף פאַרשידענע צדקה צוועקן.

אָבער זעהר, זעהר ווייניק מענטשן ווייסן אַז סע קומען אַן בריף צו דעם רבי׳ן פון אידן, מענער און פרויען, אין רוסלאַנד, וועלאַכע בעטן נעבאַך אַ מלבוש, וכדומה. מיר איז אוים געקומען צו לייענען מעהרערע פון די האַרץ רייסנדיקע בריף. און זיי ווערן נישט אַריין געוואָרפן אין דעם פאַפיר קאָרב. ניין. מע שיקט

א) גיטין ז, ב, ערשטע שורה.

אוועק צו זיי פאַר שוועהרע צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן פּעקלאַך א יאָר. און מע קלאַפּט נישט אין די פּושקעס. מע שרייט נישט אין די צייטונגען. מע רופט קיינע פערזאמלונגען. מע אפּעלירט נישט. מע זוכט קיין פּובליסיטי.

איך האָב געוואָלט א מאָל ביישטייערן א פּאָר דאָלאַרן, האָט מע אָפּ געזאָגט מיר מיט דאַנק: „דאָס טון מיר אַליין". מיט וואָס און מיט וויפל האָבן אַלע ציון'יסטישע און אַנדערע פּאָליטישע אידישע אָרגאַניזאַציעס געהאָלפן און העלפן אונזערע אומגליקלאַכע ברידער און שוועסטערס אין היינטיקן רוסלאַנד אַ חוץ מיט פּובּ־ליסיטי פאַר זיך ?!

וויפל פּעקלאַך האָבן די ראַבאַים וועלאַכע פליען קיין רוס־לאַנד, איבער געשיקט צו די רוסישע אום גליקלאַכע אידן ?! יאָ. זיי באַזאָרגן זיי מיט פּעקלאַך, מיט פּעקלאַך נייע צרות. „פּאַני" האָט אַ לאַנגן זכרון. זיי געדענקען יעדן איינעם וועלאַכער טרייט אָן זיי אויף דעם פוס. און זיי רעכענען זיך אָפּ, נישט באַלד, נאָר שפּעטער. און ווען זיי רעכענען זיך אָפּ, שטעהען מיר דאָ מיט פאַרגלאָצטע אויגן, און ווינדערן זיך פאַר וואָס עפּיס פּלוצים ?! אָבער דאָס איז נישט פּלוצים! זיי האָבן נישט פאַרגעסן. זיי האָבן געוואַרט מיר זאָלן פאַרגעסן, און דאַן צאָלן זיי אָפּ כפל כפלים.

און די אויבן דערמאַנטע אַקטיווויטעטן זיינען בלויז אַ טייל פון דעם סאַטמאַרער רבי'נס פיל פאַרצווייגטע טעטיקייטן אויף דעם געביט פון צדקה.

מיט דעם אָן קומען פון דעם איבער זעקס מיליאָן קדושים־דיקן אומגליק, הי"ד, איז דער רבי שליט"א געוואָרן איין געשפּאַרט אין דעם קאָנצענטראַציע לאַגער בערגען בעלזען מיט זיין רעביצין, און מיט זיין גבאי הרב ר' יוסף אשכנזי. ער איז געוואָרן ניצל דורך אַ נס, און ער איז אָן געקומען אין דער שווייץ [שוויי־צאַריע]. פון דאָרט איז ער עולה געווען קיין ארץ ישראל, און האָט באַזעצט זיך אין ירושלים. ער האָט באַלד געגרינדעט דאָרט אַ ישיבה וואו ער האָט פאַרשפּרייט תורה און חסידות.



דעם רבי׳נס ערשטע סנדקאות אין דער שווייץ

אין אַמעריקע

זיין קאָלאָסאַלער איינפלוס אויף אידישקייט אין אַמעריקע

מיט צוואָנציק יאָר צוריק, ענדע תש"ו, איז דער רבי געקומען קיין אַמעריקע, און האָט באַזעצט זיך אין דער וויליאַמסבורג געגנט פון ברוקלין. און די אויף טוענגען וועלכע ער האָט אויף געטון אין די צוואָנציק יאָר אין אַמעריקע און אין ארץ ישראל זיינען ממש פענאָמענאַל. זיי שטייגן איבער פיל פאַכיק אַלץ, אַלץ וואָס ער האָט אויף געטון און פאַרווירקליכט אין דער אַלטער היים.

אָן געקומען אין אַמעריקע איז דער רבי נישט ווי נאָך אַ רב, צי ווי נאָך אַ רבי פון איירופּע. ניין. ער איז אָן געקומען ווי אַ פענאָמענאַל דינאַמישער כוח. ער איז אָן געקומען נישט בלויז ווי אַ גאון, אַ מחדש אין לערנען, נאָר אויך ווי אַ פלאַם פייערדיקער אָהן ערמידליכער קעמפער פאַר עקסטרעם תורה אידישקייט, פאַר הר סיני אידישקייט לויט די אויסטייטשונגען און פאַרטייטשונגען פון תלמוד, מדרש, אגדה, זהר, ספרי קבלה, ראשונים און אחרונים. ער איז געקומען אָהער ווי אַ פירער אין וועמענס ווערטער בוך סע געפינט זיך נישט דאָס וואָרט קאָמפּראָמיס, ווען סע קומט צו אידישקייט. „יקוב הדין את ההר" האָט ביי אים בלויז אָן איין און איינציקן טייטש. דער דין מוז ווערן דורך געפירט אָהן קאָמ־פּראָמיסן, נישט געקוקט אויף דעם צי ער פּאַסט זיך צו דער צייט, צי ער פּאַסט זיך צו די קאָנדיציעס אונטער וועלכע מיר לעבן, און אַזוי וויי‎טער, צי נישט. נישט נאָר רעכנט ער זיך נישט אפילו מיט דעם קלענצטן קאָמפּראָמיס וועלכער קומט אַפילו פון גרויסע לומדים, פון גרויסע אדמורי"ם, נאָר ער קעמפט אַפילו געגן זיי סאַי מיט דעם וואָרט, סאַי מיט דער פען.

רעוואָלוציאָנעריש קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון פרום אידישקייט

מיט דעם רבי׳נס אַן קומען אין אַמעריקע האָט אַן געהויבן זיך אַ גאַנץ ניי און אויסערסט וויכטיק קאַפּיטל אין דער געשיכטע פון דעם פרומען אַמעריקאַנער אידנטום; אַ קאַפּיטל וועלכס האָט נישט דירעקט אַ גרויסן איינפלוס אַפילו אויף די ווייניגער פרומע קרייזן; אַ קאַפּיטל וועלכס די ערנסטע געשיכטלערס, די פאַראַנטוואָרטליכע היסטאָריקערס וועלן באַצייכענען אַלס „סאַטמאַריזם״.

סע איז אַ רעוואָלוציאָנעריש קאַפּיטל. סע האָט אין עטליכע ווייניגע יאָרן צעשטעהרט די אַלט געבאַקענע, אַלט איין געזעסענע „דאָגמעס״, פאַרניכט און אָפּ געמעקט צענדליקער יאָרן אַלטע איין געוואָרצלטע איין רעדענישן, און האָט איבער צייגט אַז דאָס זיינען אַבסאָלוט אָהן באַגרינדעטע און זין לאָזע איין רעדענישן. און אַן איין רעדעניש איז אויך אַ קראַנקהייט, און אַן שטעקנדיקע נאָך דער צו.

„מלא כל הארץ כבודו״, דער אייבערשטער איז אויך אין אַמעריקע

פילע יאָר הונדערטער האָט מען געגלויבט אַז די ערד שטעהט. איז געקומען די וויסנשאַפט און האָט באַוויזן, אַז די ערד דרעהט זיך און מיר מיט איר. פילע צענדליקער יאָרן האָבן אידן אין דער גאָרער וועלט געמיינט אַז דער אַלזייענדיקער איז בלויז אין אייראָפּע. אַז אין אַמעריקע איז ער חלילה נישט בנמצא. אַז דער „מלא כל הארץ כבודו״ באַציט זיך בלויז אויף אייראָפּע. אַז אַמעריקע איז עפּיס אַ וועלט פאַר זיך, וועלכע האָט קיין שייכות חלילה מיט דעם בעשאַפער פון דעם אוניווערס. מע האָט אַפילו פאַרגעסן אָדער אפשר בכוונה, אומישנער איגנאָרירט אַזאַ קאַרדינאַלע באַהויפּטונג, אַז „אין העולם מקומו של



דער רבי אין אַן אויף געלעגטער שטימונג

מקום, אלא המקום מקומו של עולם", א) נישט די וועלט איז דעם בעשאפערס וואוין אָרט, נאָר דער אוניווערס בעשאַפער איז דאָס וואוין אָרט פון דעם אוניווערס. נישט דער בעשאפער איז אין דער וועלט, נאָר די וועלט איז אין אים. דער בעשאַפער פון דעם אוני־ווערס איז גרעסער פון זיין בעשאַפונג. ער איז גרעסער פון דער וועלט, פון דעם אוניווערס.

דער אַמאָליקער „גרינער"

דער פועל יוצא, דער רעזולטאַט פון דעם איז געווען אַז אַזוי ווי כביכול געפינט זיך נישט חס וחלילה אין אַמעריקע, האָבן די קרובים אָדער די פריינד, וועלכע האָבן אַריבער געבראַכט עמיצן אין דעם גאָלדענעם לאַנד, באַלד בעאַרבעט דעם „גרינעם", אַז דאָס סאַמע ערשטע וואָס ער מוז טון, איז ווערן פטור פון דער באָרד און די פיאות.

צו טראַנספאָרמירן, צו מאַכן פון דעם אָהן שולדיקן „גרינעם" אַ הונדערט פראָצענטיקן „יענקי", האָט צו געשפילט באַקוועמ־לאַך אַן עקאָנאָמישער פאַקטאָר. מע האָט „איבער געצייגט" דעם „גרינעם" אַז מע מוז אַרבעטן שבת. מע האָט איין גערעד דעם צוקונפטיקן קרעמער, אַז אויב ער וועט האַלטן פערמאַכט די קראָם, דאָס געשעפט שבת און ימים טובים, מעג ער נישט עפענען עס אין גאַנצן.

שבת — דער פרנסה גיבער

אין דער אַלטער היים האָט מען געהאַלטן פון דעם מאמר חז"ל, „מי שברא יום ברא פרנסתו", א) דער וועלאַכער האָט

א) פסיקתא רבתי, פיסקא כא, זייט קד, ב; מדרש בראשית רבה סח, ט; מדרש תנחומא, פרשה תשא, כז; ילקוט שמעוני פרשה תשא שצה, חבקוק תקסג און תהלים תתמא; ילקוט המכירי אויף תהלים מזמור צ, ב.

אין: ילקוט שמעוני פרשה ויצא קיז; מדרש לקח טוב [פסיקתא זוטרתא] פרשה בראשית א, ז הייסט: הקדוש ברוך הוא מעונו של עולמו, ואין עולמו מקומו.

א) מכילתא דרבי ישמעאל בשלח מז, ב, אויסגאַבע אום; ילקוט שמעוני בשלח רמז רנח.

בעשאַפן דעם טאָג, האָט בעשאַפן דעם טאָגס פּרנסה. אין אַמעריקע האָבן די אַריבער ברייגגערס איין געדעד דעם אַריבער געבראַכטן אַז **שבת** איז דער פּרנסה גיבער. נישט „מי שטרח בערב שבת יאכל בשבת", א) נישט דער וועלאַכער גרייט אָן ערב שבת, האָט ער וואָס צו עסן שבת. נאָר מי שעובד בשבת אוכל כל השבוע, נאָר דער וועלאַכער אַרבעט שבת, האָט וואָס צו עסן אַ גאַנצע וואָך.

זייענדיק אַמאָל אַ שבת מיט מיין דענצמאַל צוועלף יאָריק בן יחיד'ל משה, ביי דעם רבי'ן, האָט הרב ר' ליפּא פרידמאַן מנהל פון די סאַטמאַרער ישיבות געטון אַ זאָג צו מיר צווישן אַנדערעס, מיט שטאָלץ, און מיט גוט פאַרדינטן שטאָלץ: איר ווייסט דאָך אַז אין וויליאַמסבורג זיינען כמעט אַלע אידישע קראָמען געווען אָפן שבת. איצט זיינען ברוך השם אָפן בלויז צוויי, די אַפּטייקן [דראָג סטאָרס]. אָבער סע וועט נישט נעמען לאַנג, און אויך די דאָזיקע צוויי וועלן האַלטן פערמאַכט שבת. און מיין זונדעלע האָט באַמערקט דאַרויף: און ביי אונז אויף דער וועסט זייט אין ניו יאָרק, זיינען אַלע קליטן אָפן שבת, בלויז צוויי זיינען פערמאַכט, די כשר'ע פליייש קראָמען.

און ווען מען האָט געפרעגט מיך אויף דער ראַדיאָ וואָס איז דער אונטער שייד פון אַ סאַטמאַרער שול און אַ ניו יאָרקער „וועסט סאַיד" שול, האָב איך געענטפערט: איך האָב געדאַוועגט אַ שבת אין אַ סאַטמאַרער שול זיינען געווען פערציק מנינים כן ירבו מיט בערד און פיאות, און בלויז איינער אָהן ביידע. איך האָב געדאַוועגט שבת אין אַ „וועסט סאַיד"ער פרומער שול זיינען געווען פערציק מנינים אָהן בערד מיט פיאות און איינער מיט אַ באָרד און פאה'לאַך.

און כידוע איז „עבירה גוררת עבירה", איין עבירה שלעפט מיט נאָך אַן עבירה. אַז מען אַרבעט שוין שבת, בענטשט מען קיין ליכט, מע געהט נישט אין שול אַריין. און אַז מע דאַוונט נישט שבת, דאַוונט מען שוין זיכער נישט אין דער וואָכן. און אַזוי האָט געפירט איינס צו דעם צווייטן ביז — **אוים אידישקייט.**

אַ פרומער איד מיט באָרד און פיאות, מיט אַ שטראַימעל און מיט אַ זיידענער קאַפּאָטע איז געווען אַ מוזעאום געגנשטאַנד.

א) עבודה זרה ג, א.

אַ ניו יאָרקער גאָווערנאָר־קאַנדידאַט באַזוכט דעם רבי'ן

אַן אַמעריקאַנער געבאָרענער האָט נישט געוויסט ווי אַזוי סע זעט אויס אַ היימישער פרומער איד. די פראַזע „גלאַט כשר" איז געבליבן אויף יענער זייט ים, צוזאַמען מיט דעם „גלאַט כשר" פלייש.

מיט דעם סאַטמאַרער רבי'נס קומען אַהער, האָבן יודעי חן דערשפּירט באַלד אַז „דרך כוכב", אַז אַ שטערן פון דער אַלטער היים, האָט באַוויזן זיך אויף דעם האָריזאָנט פון דעם פאַר־בלאָנדזשעטן אידענטום, פון דער פאַרפירטער אידישקייט. אַן אַלט נייע זון פון מזרח אייראָפּע האָט אָן געהויבן צו אויף גערן אויף דעם הימל פון דער אידישער אַמעריקע. אַלטע היימישע ווינטן האָבן אָן געהויבן צו אַריין בלאָזן אין די אידישקייט פאַר יתום'טע הייזער, אין די כשר פערנאַכלעסיקטע קעכן, און אין די אַנדערע פאַרשידן אַרטיקע ווינקעלאַך פון פרום, און ווייניקער פרום אי־דישקייט.

דאָס אַמאָליגע אָהן פשרה'דיק, אָהן קאָמפּראָמיסדיק פרום אידישקייט האָט אָן געהויבן צו שלאָגן וואָרצלען טיף און ברייט, מיט יעדער טאָג טיפער און ברייטער; טיפער די וואָרצלען, בריי־טער די צווייגן. און נישט נאָר אויף דעם געביט פון תורה, מצוות, יראת שמים, חינוך, שמירת שבת און ימים טובים, טהרת המשפחה, נאָר אויך אויף אַנדערע געביטן ווי עקאָנאָמיע, פּאָליטיק, און אַזוי ווייטער.

די פיל פאַכיקע טעטיקייטן

אין דעם קורצן שפּאַן פון צוואָנציק יאָרן האָט דער סאַט־מאַרער רבי אויף געשטעלט אַ רייע ישיבות מיט די נעמען „תורה ויראה", „יטב לב" און אַ מתיבתא מיט אַן ערך פון איבער צוויי טויזנט תלמידים. כן ירבו.

שולעס מיט דעם נאָמען „בית רחל" פאַר מיידלאַך מיט אַן ערך פון איבער פיפצן הונדערט תלמידות כן תרבינה, מיט אַ בודזשעט פון אַ מיליאָן דאָלאַרן בערך, יאָרלאַך.

פיר זומער קעמפּס, „רב טוב" מיט אַ בודזשעט פון דריי הונדערט טויזנט דאָלאַרן.

אַ גמילות חסדים לאַי קאַסע מיט אַ יאָרלאַכן אומזאַץ פון אַ האַלבן מיליאָן דאָלאַרן.

אַ ביקור חולים. נישט נאָר צו בלויז באַזוכן די קראַנקע, נאָר מע באַזאָרגט זיי פריי מיט עסן, רפואות און אַזוי ווייטער, וואָס קאָסט פיפציק טויזנט דאָלאַרן בערך, יאָרלאַך.

אַ ישיבה פאַר בחורים, און אַ „בית אסתר" שולע פאַר מייד־לאַך אין מאָנטריאָל, קאַנאַדע.

דאָס זעלבע אין לאָנדאָן ענגלאַנד, אַנטווערפּן בעלגיע, אין זיך אַמעריקאַנישע לענדער.

היינט די סאַטמאַרער שטיבלאַך אין די אַלע ערטער, אַריין גערעכנט פּאַריז.

איך האָב געפרעגט אַ תלמיד פון פּאַריז אין דער ישיבה „שערי יושר" אין לוצערן אין דער שווייץ, פון וועלכער הרה"ג ר' יצחק דוד קאָפּעלמאַן נר"ו איז ראש הישיבה, וואו זיין טאַטע דאַוונט. האָט ער געענטפערט מיר: וואָס הייסט וואו? אין סאַטמאַרער שטיבל.

אַ דאַנק סאַטמאַר, און אין פאַרשידענע פּרטים, אַ דאַנק אויך די אַנדערע רבי'שע הויפן, זיינען היינט צו טאָג בערד און פיאות, שטראַימלען, זיינדענע קאַפּאָטעס, גאַרטלען, וואָלענע טלי־תים, שייטלן [פּאַרוקן], מקוואות, אַ נאַטירליכע ערשיינונג אין פאַרשידענע געגנטן דאָ אין לאַנד, ווי פריער אין די שטעט אין אונגאַרן, אין גאַליציע, פּוילן, וואָלין, און אַזוי ווייטער.

צענדליקער מיליאָנען דאָלאַרדיקע אינדוסטריען מיט שמירת שבת

סע האָט געשאַפן זיך אַ געוואַלדיק גרויסע פּראָדוקציע פון פילע צענדליקער העכסט כשר'ע פּראָדוקטן, פון חלב ישראל ביז גלאַט כשר פלייש, גרויסע שמורה מצה בעקערייען, און סתם בעקערייען פון אַלע כשר'ע סאָרטן געבעקסן. דער אומזאַץ פון די דאָזיקע און די אַנדערע רעליגיעזע אינדוסטריען באַטרעפט שוועה־

ניו יאָרקער מעיאָר וואַגנער באַזוכט דעם רבי'ן

רע צענדליקער מיליאָנען דאָלאַרן יאָרלאַך, און צענדליקער טויזנ־טער אידן כן ירבו, האָבן שעהן פרנסה, מיט שמירת שבת וימים טובים נאָך דער צו.

אַלע גיבן צו אַז דער רבי איז דער מנהיג „פּאַר עקסעלאַנץ״. סע זיינען אפשר פאַראַן גדולים וועלאַכע קאָנען פאַרגלייכן זיך מיט דעם רבי׳ן אין דער, אָדער אין יענער זאַך. אפשר איז פאַראַן אַזעלאַכער וועלאַכער קאָן פאַרגלייכן זיך מיט דעם סאַטמאַרער אין לערנען. אפשר איז פאַראַן אַזעלאַכער, וועלאַכער קאָן פאַרגלייכן זיך מיט דעם רבי׳ן אין צדקות. אפשר איז פאַראַן אַזעלאַכער וועלאַכער קאָן פאַרגלייכן זיך מיט אים אין חכמה, און אַזוי ווייטער. אָבער אַלץ אין איינעם אין אונזער דור איז פאַראַן ביי קיינעם, און נאָר ביי דעם סאַטמאַרער רבי׳ן נר״ו.

דאָס ווייסן אין האַרץ אַפילו זיינע פאַרביטערסטע קריטי־קערס. און וואָס גרעסער אַ מענטש בכלל, און אַ מנהיג בפרט איז, אַלץ גרעסער איז די צאָל פון זיינע קריטיקערס. איז פאַרשטעהט זיך אַז דער רבי איז ברוך השם רייך אין קריטיקערס אין אַלע אידישע ישובים, און גאָר באַזונדערס אין אַמעריקע און אין ארץ ישראל. איז וואָלטן די קריטיקן אוים געדרוקט זיך אין לאָגישע אַרגומענטן, אין שכל הישר׳דיקע אַנאַליזירונג פון דעם ענין, אין קאָנקרעטע פאַקטן, וואָלט עס געהאַט אפשר אַ געווויסן זין. און סע וואָלט אפשר גאָר געווען ווילקאָמען. וואָרן אמת׳ע, עהרליכע קריטיק איז אָפט מאָל געזינט, זעהר גוט פאַר דער עצם זאַך. איז אָבער ליידער, ליידער דער פאַקט נישט אַזוי. גלויבט עס יאָ, גלויבט עס נישט, דער פאַקט אָבער איז, אַז די גאַנצע קריטיק פון די גרויסע ציון׳יסטישע העכט ביז צו דעם פאַרפירטן עולם־גולם באַ־שטעהט פון צוויי פראַזן: דער סאַטמאַרער רבי איז אַ **נטורא קרתא׳ניק** און אַ שונא ישראל, חלילה.

ווועלן מיר אָקאָרשט אַ קוק טון וואָס סע מיינט קריטיק, וואָס סע מיינט נטורי קרתא, און ווער סע איז אַ שונא ישראל.

דעם רבי'נס קאַמף פאַר תורה אידישקייט אין ארץ ישראל

אָפּאָזיציע איז גוט, אָבער בלויז עהרליכע

אזוי ווי דאָרט וואו סע איז פאַראַן זון, איז דאָ אויך שאָטן. אזוי אויך אומעטום וואו סע געפינט זיך אַ גוטע אָרגאַניזאַציע, אינס־טיטוציע, אַ וואוילטעטיקע צי אַ פּאָליטישע, איז אויך פאַראַן אַן אָפּאָזיציע, אַ געגנשאַפט. דאָס איז זעהר גוט. דאָס איז דעמאָקראַ־טיש. און אַזוי דאַרף זיין. באַזונדערס מיר אידן דאַרפן פירן זיך דעמאָקראַטיש. ווייל מיר אידן זיינען דאָס סאַמע ערשטע דעמאָ־קראַטישע פאָלק.

ווען משה רבינו האָט בעדאַרפט באַשטימען זיבעציק פאָר־שטעהערס פון די אידן, האָט ער געפינען זיך אין אַ פאַרלעגנהייט. זאָל ער נעמען זעקס פון יעדער שבט, וועלן דאָך זיין צוויי און זיבעציק זקנים. זאָל ער נעמען פון צען שבטים צו פינעף און פון צוויי שבטים צו זעקס, וועט דאָס דאָך נישט זיין דעמאָקראַטיש.

האָט מען געוואָרפן אַריין צוויי און זיבעציק צעטעלאַך, און צוויי פון זיי זיינען געוועזן לעהדיק. די צוויי שבטים וועלכע האָבן אַרויס געצויגן די לעהדיקע צעטעלאַך האָבן געהאַט בלויז צו פינעף פאָרשטעהערס.

מיר זיינען די ערשטע וועלכע האָבן געגיבן דער וועלט דעם באַגריף פון „אחרי רבים להטות”, פון „יחיד ורבים, הלכה כרבים”, דעם מעהרהייט, דעם מאַיאָריטעט געזעץ. דאָס געזעץ איז ווי די מעהרהייט. די מעהרהייט רעגירט. אָהן דעמאָקראַטיע איז דיקטאַטור. און צו וואָס דיקטאַטור דערפירט, האָבן מיר דאָך געזען, ווען מיר האָבן באַצאָלט פאַר דעם מיט איבער זעקס מיליאָן קדושים, השם ינקום דמם.

און מיר זיינען אַ דעמאָקראַטיש פאָלק, ווייל דער בעשאַפער אַליין פירט זיך דעמאָקראַטיש. ווען דער בעשאַפער האָט געהאַלטן ביי דעם בעשאַפן די וועלט, האָט ער באַרוטן זיך מיט דער תורה, מיט די ששה סדרי משנה, און מיט יעדער בעשאַפעניש צי סע



דער רבי ביי אַ כינוס אין ברוקלין, נ. י.

ווייל ווערן בעשאַפן. איידער ער האָט בעשאַפן דעם מענטש, האָט ער בעראָטן זיך מיט די מלאכים, מיט די נשמות פון די צדיקים, מיט הלל און שמאי, א) און נאָך.

איז טאַקע גוט וואָס אין אַ דעמאָקראַטיש לאַנד איז פאַראַן אַן אָפּאָזיציע, אַ צד שכנגד. סע איז אויך גוט אַז אין אַן אָרגאַניזאַציע איז פאַראַן אַן אָפּאָזיציע. אַפילו אין לומדות איז גוט אַז סע איז דאָ אַ צווייטע מיינונג. ווען אונזער תלמוד, למשל, וואָלט בעשטאַנען בלויז פון הלל, ר' אליעזר, רב, אַביי און אַזוי ווייטער, אָהן אַ שמאי, אָהן אַ ר' יהושע, אָהן אַ שמואל, אָהן אַ רבא, אָהן אַ בר פלוגתא און אַזוי ווייטער; אַ רש"י אָהן אַ תוספות, וואָלט אונזער תלמוד געווען הונדערט מאָל ווייניגער, קלענער. דאָס אייגענע גילט מיט באַצוג אויף די פירושים אויף תנ"כ, און אַזוי ווייטער.

יעדער דעמאָקראַטיש לאַנד ווערט געפירט פּאַרלאַמענטאַריש. אין יעדער פּאַרלאַמענט איז פאַראַן אַן אָפּאָזיציע, געגנערס פון דער רעגירנדיקער מאַכט. ווען קאָנגרעס לייט צי סענאַטאָרן זיינען געגן דעם פּרעזידענט, געגן דער רעגירונג אין אַ געוויסן ענין, איז נאָך נישט געוואָרן געבאָרן דער נאַר, צי דער משוגע'נער ווערלאַכער זאָל באַשולדיקן די אָפּאָזיציע אין שנאת אַמעריקא. יעדער איינער ווייסט אַזביידע צדדים מיינען לטובת דעם לאַנד. און דאָס זעלבע איז טאַקע אויך מיט די בירגערס. אַ טייל האַלטן מיט דער רעגירונג. און אַ טייל האַלטן מיט דער אָפּאָזיציע. דאָס זעלבע איז אין יעדער דעמאָקראַטיש לאַנד אין דער גאַרער וועלט.

אונזער גאַנצע רעליגיעזע ליטעראַטור פון תורת משה ביז צו דעם שפּעטערסטן אחרון, און אין די קומענדיקע דורות, איז דעמאָקראַטיש.

א) „נעשה אדם" — נמלך עם שמאי הלל.

קריטיק איז גוט, אָבער בלויז קאָנסטרוקטיווע, עהרליכע

אַלזאָ, קריטיק איז גוט, אָבער נאָר קאָנסטרוקטיווע קריטיק. קריטיק איז באַזונדערס וויכטיק מיט באַצוג אויף ארץ ישראל, אָבער זי דאַרף און מוז זיין געבויעט אויף דער אידישער אמונה, אויף אמת, אויף עהרליכקייט.

די קריטיק דאַרף ווערן געפירט מיט רעספעקט צו דעם געגנער, צו דעם צד שכנגד. קריטיק דאַרף ווערן אוים גערדיקט מיט לאָגיק געבויעט אויף פאַקטן. זידל ווערטער, צונעמען, מאַר־קעט פלאַץ שפּראַך פירט צו גאָר נישט, שאַפט גאָר נישט, אויסער שנאת חינם. און פאַר שנאת חינם איז ירושלים געוואָרן חרוב. און געווים קאָן ארץ ישראל נישט ווערן געבויעט דורך דעם.

ארץ ישראל בעלאַנגט צו יעדער אידן אָהן אונטער שייד וואו ער וואוינט. אידן איבער דער גאַנצער וועלט שיקן אריין אין ארץ ישראל שווערע צוואָנציקער מיליאָנען דאָלאַרן אַ יאָר. יעדער אָרטאָדאָקסישער איד האָט אַ רעכט צו קריטיקירן, און צו פאָדערן אַז ארץ ישראל זאָל פירן זיך לויט אונזער מאַנדאַט, נעמלאַך לויט דער תורה.

אַ פשיטא שוין אַז יעדער פרומער פירער אָהן אונטער שייד וואו ער וואוינט, און בפרט נאָך אַ פירער וועלכער האָט אַ גרויסן חלק אין דעם העלפן בויען ארץ ישראל, ווי דאָס טוט דער סאַטמאַרער רבי, איז נישט נאָר האָט ער אַ רעכט צו קריטיקירן, נאָר סע איז זיין **חוב** צו שטעהן אויף דער וואַך, אַז סע זאָל פירן זיך על פי תורת ישראל.

ווען אַ פירער פון דעם סאַטמאַרער רבי'נס פאַרנעם זאָל נישט אַרוים טרעטן געגן דעם פאַרקויף פון חזיר אין ארץ ישראל, אַ פאַרבאָט אין דער תורה, געגן פרויען אין מיליטער, געגן דעם „סווימינג פול" — דאָס באָדן זיך עפנטלאַך פון מענער און פרויען אין ירושלים, געגן פאַלמעסן אידישע מתים, געגן מחלל זיין שבת בפרהסיא, און נאָך נאָך. ווען ער זאָל נישט אָן ווענדן דעם „יקוב הדין את ההר", וואָלט ער געווען נישט אַ רבי און נישט אַ

דער רבי אויף דער שיף קיין ארץ ישראל

מנהיג. ער וואָלט געווען אַ געפירטער, און אפשר אַפילו אַ פאַר־פירטער, און זיכער נישט אַ פירער.

דער רבי איז דאָס וואָס אַן אמת'ער אידישער פירער דאַרף זיין. זיין ווירקונג איז גרויס נישט בלויז אין אַמעריקע און אין ארץ ישראל, נאָר אויך אין אַנדערע לענדער. פילע פירערס אין פילע ערטער טראַכטן גוט פריער איידער זיי טוען עפּיס: „ווי אַזוי וועט דער סאַטמאַרער קוקן דאַרויף". און וואויל צו דעם דור וועלכער האָט זוכה געווען צו האָבן אַזאַ מנהיג, אַ מדברנא דעמא בחסד עליון, נר"ו.

נטורא קרתא, דער נאָבלסטער אידישער טיטל

ס'עס איז אַן אַקסיאָמאַטישער, אָהן באַשטרייטבאַרער פאַקט אַז דער וועלכער האָט קיינע קאָנקרעטע פאַקטן צו באַפעסטיקן, צעמענטירן און באַווייזן די אויטענטישקייט פון זיינע ארגומענטן אַז ער איז גערעכט, בעהאַלט ער זיך אונטער אַ האָגל פון זידל ווערטער, צונעמען, וכדומה. דאָס ווייסט אַפילו אַ בר בי רב דחד יומא, אַ חדר אינגל.

און כאָטש דער דאָזיקער ענין איז זעהר ערנסט, איז ער אָבער דורך געפלאָכטן אויך מיט אַ פאָדעם פון הומאָר. די וועלט זאָגט אַז ווען דער אייבערשטער וויל באַשטראָפן אַן עם הארץ לעגט ער אַריין אַ לשון הקודש וואָרט אין זיין מויל. אין אונזער פאַל איז עס נישט אַ לשון הקודש'דיקער נאָר אַן אַראַמעאישער אויס דרוק. מע באַצייכנט, מע האַלט אַז דער רבי איז אַ **נטורא קרתא'ניק**. איז דאָס אַ גרויסער, אמת'ער אמת. איך שריי אויס בכל מאמצי כוחי, מיט מיין גאַנצן וועזן אַז דער סאַטמאַרער רבי איז אַ נטורא קרתא. און „ומי יתן כל עם ה' נטורי קרתא", און הלואי וואָלט דאָס גאַנצע אידישע פאָלק געווען נטורי קרתא!

ווען די דאָזיקע לייט וועלכע נוצן דעם אויס דרוק נטורא קרתא ווי אַ זידל, ווי אַ שימפּ וואָרט, וואָלטן געוויסט דעם אמת'ן

טייטש, די באַדייטונג פון דעם דאָזיקן סאָמע נאָבלסטן, סאַמע העכסטן טיטל וועלאַכן מע קאָן גיבן אַ אידן, וואָלטן זיי זיכער נישט אָן געטון די דאָזיקע אידישע קרוין אויף דעם רבי'נס קאָפּ.

אָט הערט: רבי חייה, ר' אסי און ר' אמי זיינען געוואָרן געשיקט אויף אַ מיסיע, אויף אַ שליחות אין די פּראָווינץ שטעט אין ארץ ישראל. קומענדיק אין אַ שטאָט, האָבן זיי געהייסן רופן די נטורי קרתא. איז מע געגאַנגען און מע האָט געבראַכט צו זיי די וועכטערס פון דער שטאָט [די פּאָליצעי]. האָבן זיי אָן גערופן זיך: אָט זיי זיינען עס די היטערס פון דער שטאָט? ! ניין. זיי זיינען די פאַרניכטערס פון דער שטאָט. די וועכטערס, די היטערס פון דער שטאָט זיינען די ראשי הישיבות, די רבי'ס וועלאַכע לערנען מיט די תלמידים תנ"כ און משנה; די מרביצי און מפיצי תורה, די פאַרשפּרייטערס פון תורה און תורה אידישקייט, זיי זיינען עס די נטורי קרתא, זיי זיינען די היטערס פון דער שטאָט, פון דעם אידישן לאַנד, פון תורה אידישקייט, א).

קיין העכערער, קיין נאָבעלער טיטל ווי ראש הישיבה, פון מפיץ תורה ברבים, פון מגדיל תורה ומאדירה, פון פאַרשפּרייטן תורה, איז קיין מאָל געווען. סע איז נישט פאַראַן איצט. און סע וועט נישט זיין ביי אידן.

משה רבינו'ס גרויסקייט, זיין אייביקייט איז נישט דער קאָנסעקוועניץ פון זיין אַרויס פירן די אידן פון מצרים. זיין וועלט באַרימקייט איז נישט דער רעזולטאַט פון די מלחמות וועלאַכע ער האָט געפירט און מנצח געווען, איינגענומען. ניין. זיין אייביקייט איז דער פּועל יוצא פון זיין האָבן געגיבן די תורה די אידן, און פון זיין האָבן געלערנט מיט זיי תורה ביז דער לעצטער מינוט פון זיין לעבן.

משה איז באַקרוינט מיט אַ זעהר לאַנגער קייט פון טיטלס און אַטריבוטן.

א) ירושלמי חגיגה פּרק א, אָנהייב הלכה ז; פּסיקתא דרב כהנא קכ, ב, אויסגאַבע אום; איכה רבה, אָנהייב פּתיחתא; מדרש שוחר טוב [על תהלים] מזמור קכז; ילקוט המכירי מזמור קכז, סימן ג; ילקוט שמעוני ירמיה רמז רפב און תהל"ים רמז תתפא.

זעט אומעטום די פאַרשידענע נוסחאות, און אויך וועגן די נעמען.



דעם רבי'נס אָן קומען קיין ירושלים

אין אונזער תלמוד, מדרש, אגדה, זהר, קבלה ליטעראַטור ווערט משה גערעכנט צווישן די פּאַטערס פון דער וועלט.

ער ווערט באַצייכנט מיט צדיק, דער גרעסטער צדיק צווישן די נביאים. ער איז די צדקות אַליין.

ער איז דער גרינדער פון דער כהונה. ער ווערט אָן גערופן כהן גדול.

ער איז באַקרוינט מיט דעם טיטל מלך.

ער ווערט אָן גערופן חכם, גרויסער חכם, גרעסטער חכם, גרעסטער חכם פון אַלע חכמים; דער פּאַטער, דער רבי, דער האַר פון דער חכמה.

זיינען דאָך אַלע שאַץ קאַמערן פון חכמה, וועלכע זיינען געוואָרן איבער געגיבן דעם מלאך זגנזגאל, געוואָרן געעפנט פאַר משה׳ן אויף דעם באַרג סיני.

זיינען דאָך פון די פיפציק שערי בינה, טויערן פון פער־שטאַנד, געוואָרן געגיבן משה׳ן גאַנצע ניין און פערציק.

ער איז נישט נאָר אַ נביא, אַ נביא בן נביא; נישט נאָר דער האַר, דער אוים דערוועהלטסטער, דער פּאַטער, א) דער ערשטער, דער רבי, דער געלויבטסטער פון אַלע נביאים מיט וועמען דער אייבערשטער האָט קיין מאָל אונטער בראָכן זיין רעדן, בעת ביי די אַנדערע נביאים איז דאָס יאָ געווען דער פאַל. נאָר ער איז דער פּאַטער פון נביאות.

אַלע אונזערע נביאים האָבן געזען דורך אַ נישט קלאָר גלאָז. אָבער משה האָט געזען דורך אַ פיין געשליפן גלאָז.

אַלע אַנדערע נביאים זיינען אַנטקעגן משה׳ן, ווי לבנה שיין אַנטקעגן זון שיין.

א) ספרי פּנחס פיסקא קלד; אבות דרבי נתן נוסחא א פּרק א, נוסחא ב פרק א; מדרש שוחר טוב [תהלים] מזמור צ, ח; מדרש הגדול שמות זייטן 33, 13; סדר אליהו רבה פרק ה, כא; פרק ו, לג; פרק יג, סח; פרק יז, פּג; סדר אליהו זוטא פּרק יב, קצד; מדרש לקח טוב [פּסיקתא זוטרתא] שמות ב, יב; מדרשי התורה ז, א־ב; ספר והזהיר, משפטים זייט 78; דרשות ר׳ שם טוב, וזאת הברכה עא, א.

סע איז איבער הויפט נישט פאַראַן אַ גרעסערער פון משה׳ן ביי אידן. ער איז דער גרעסטער פון די גרעסטע. זיין נאָמען ווערט באַצייכנט אַלס שבועה פאַרמעלע. ער איז דער איינציקער וועלכער האָט געוויסט דעם אייבערשטנס וועגן.

ער ווערט באַצייכנט מיט: גבור, טוב, אמת, חסד, ישר, חן, חסיד, נקי כפים ובר לבב [ריינע הענט און אַ לויטער האַרץ], מחוקק [געזעץ גיבער], ספרא רבה [גרויסער שרייבער], רב גובריה [גרויסער מאַן], נבון, עשיר, איסטרט [גענעראַל, סטראַטעגיקער], רעיא מהימנא [באַגלויבטער פאַסטאַך], מלאך, און אַפילו נאָך מעהר, א).

אָבער וועלט באַרימט, פאַראייביגט, אָהן שטערבלאַך איז ער אַלס משה **רבינו**, אונזער רבי, אונזער ראש הישיבה, אונזער מלמד, אונזער פאַרשפּרייטער פון תורה און תורה אידישקייט, פון הר חורב׳דיק תורה אידישקייט.

און ווען די דריי גדולים פון די חכמי התלמוד האָבן געהייסן רופן די „נטורי קרתא״ האָבן זיי נישט געמיינט די פּאָליצעי, דעם מעיאָר, וכדומה. זיי האָבן נישט געמיינט דעם נשיא, וועלכער, שפּאַצירנדיק אין די גאַסן פון ארץ ישראל, האָט ער געטראָגן דעם צעלינדער אין דער **האַנט**, בעת דער פּראָמינענטער נישט אידישער גאַסט האָט געטראָגן אַ יאַרמעלקע אויף דעם קאָפּ.

די דריי גרויסע תנאים האָבן געמיינט די היטערס פון תורה און תורה אידישקייט. ווייל די אייביקייט פון דעם אידישן פאָלק איז **אין** דער אייביקייט פון אונזער תורה. סע קאָן נישט זיין אַ **אידיש** פאָלק אָהן תורה, פונקט ווי סע קאָן נישט זיין תורה אָהן אַן **אידיש** פאָלק. הא בהא תליא. איינס איז אָפּהענגיג פון דעם צווייטן. איינס ערגענצט דאָס צווייטע. און וואויל איז אונזער דור וועלכער האָט זוכה געווען, צו דעם „נטורא קרתא״ אין דער פּערזאָן פון דעם סאַטמאַרער רבי ביז הונדערט און צוואַנציק יאָרן, אמן כן יהא רעוא.

און מיין סימפּאַטיע מיט די קריטיקערס, וועלכע וועלן

א) זעט מיין בוך „משה רבינו׳ס לעבן און שאַפונגען״, זייטן מא־מד.

די עדה החרדית אין ירושלים גיבט אַ קבלת פנים דעם רבי'ן שליט"א

מוזן צו טראַכטן פון איצט אָן עפּיס אַן אַנדער זידל וואָרט אויף דעם אָרט פון דעם נאָבלסטן אידישן טיטל **נטורא קרתא**.

און אגב, דער רבי האָט אַ מאָל געזאָגט מיר מיט אַ שמייכל: „די נטורי קרתא האַלטן גאָר נישט פון מיר". מיינענדיק דער מיט אַז דער רבי איז גאָר נישט גענוג פרום, אָדער גענוג קנאי פאַר זיי.

די „מלשינים"

און זאָל ווערן באַמערקט דאָ אַז די „מלשינים" די פּאָליטישנ־דיקע רכילות'ניקעס, לשון הרע'ניקעס און זייערס גלייכן זיינען פיל, פיל שולדיק אין דער באַזיסלאָזער, און אַ מאָל אַפילו פאַר־פירנדיקער קריטיק געגן דעם סאַטמאַרער רבי'ן.

סע האָט שוין איינער געזאָגט אַ מאָל: צווישן „השיבה שופטינו" און „ועל הצדיקים" שטעהט „ולמלשינים". און ווען די בייז וויליקע **מלשינים** וואָלטן נישט אריין מישן זיך צווישן זיי, וואָלטן די „שופטים" און די „צדיקים" געלעבט אין האַרמאָני, פרידלאַך.

און אַזוי איז עס אין אַ געוויסער מאָס אויך אין אונזער פאַל. ווען נישט די בייז וויליקע, ביליקע פּאָליטישנס, וואָלט זיכער געהערשט אַ נאָרמאַלע, געזינטע פאַרשטענדיקונג, און אָפט מאָל אַפילו קאָאָפּעראַציע צווישן סאַטמאַר און די פאַרשידענע געגן גרופּעס, ווי סע דאַרף פירן זיך ביי לייטן.

מיינונגס פאַרשידנהייטן זיינען נאָרמאַל, און אַפילו וויכטיק; און נאָר דענצמאָל ווען זיי ווערן אָן געווענד אויף אַן אַנשטענדיקן, רעספּעקטפולן אופן.

אָבער „ולמלשינים", רכילות, זידלערייען, ביליקע אָן פאַלן, וכדומה „אל תהי תקוה", אין דעם שטעקט קיין האָפענונג. דאָס ברייננגט קיין געווינטשטע, פּאָזיטיווע רעזולטאַטן. סע שאַפט בלויז היים בלוט, און נישט געווינטשטן שאָדן.

„וכל הרשעה כרגע תאבד", און בייז וויליקע רשעות פער־דאַרבט, פאַרניכט, רואינירט גיכער ווי גיך.

איז שוין טאקע די העכסטע צייט צו מאכן אן ענד צו די מלשינים׳דיקע, אזוי גערופענע קריטיקן, געבויעט אויף שפין וועבס־דיקען באזיס פאקטן, אויף געזאגט, גערעד, און די צונג האט דאך קיינע ביינער. מע קאן בייגן זי וואוהין מע וויל.

סע איז שוין די העכסטע צייט אז די אומשולדיק פארפירטע זאלן קוקן דעם אמת, די פאקטן אין די אויגן, אויף דעם ארט פון צו הערן זיך צו גרונדלאזע אוים טראכטענישן, וועלכע זיינען א מאל פשוט בייז וויליק.

„מות וחיים ביד לשון״, א) רואינירונג און לעבן איז אין דער צונג, איז א זאג וועלכן יעדער אמת זוכנדיקער איד דארף האבן שטענדיק אין זינען. סע דארף דינען אלס זיין מאס שטאב. הערט ער עפים א קלאנג, דארף ער גוט בודק זיין, חוקר ודורש זיין, גוט אוים פארשן צי סע איז חיים׳דיק, צי סע קומט פון א לעבנס שפרודלדיקן קוואל, צי סע איז **אמת**. און אמת איז איינער פון די דריי זיילן אויף וועלכע די וועלט עקזיסטירט.

און מיר ווייסן דאך אז „קושטא קאי, שיקרא לא קאי״. אמת באשטעהט, ליגן פארגייט.

אויף דעם ארט פון הערן און אראפ שלינגן נישט גע־שטויגנהייטן און נישט געפלויגנהייטן, איז גלייכער צו נאך פאלגן דעם סאטמארער רבי׳נס ממשות׳דיקע אויף טועכצן. קאנקרעטע טאטן, פאקטישע מעשים פאר אידן, אידנטום און אידישקייט סאי דא אין לאנד, סאי אין ארץ ישראל, און סאי אין אנדערע לענדער, ותבוא ברכה על עם ישראל ועל ארץ ישראל, אמן כי יהי רצון.

אגב, אין דעם פארלויף פון די לעצטע פאר טויזנט יארן, ביז דער גרינדונג פון מדינת ישראל, האט דאס לאנד געהייסן **ארץ ישראל**. זינט דער גרינדונג פון דער מדינה, רופט מען עם **ישראל**. האט דער רבי באמערקט א מאל: „על מה אבדה הארץ״, איבער וואס איז געווארן פארלארן **ארץ**, „על עזבם את תורתי״, א) איבער זייער פארלאזן מיין תורה.

א) משלי ח, כא. פילע מענטשן, מיט דער פען און מיט דעם מויל צעטירן אדער זאגן „החיים והמות ביד הלשון״. דאס איז נישט ריכטיק. אין פסוק זיינען נישט פאראן די דריי **ה**. און מות שטעהט פאר חיים.

א) זעט ירמיה ט, יא.



דער רבי נר"ו פאַרטיפט אין לערנען

דעם רבי׳נס בייזשטייערונגען צו ארץ ישראל׳ס אויף בוי

נאָר דער וועלכער האָט קיין מוח אין זיין האַלדז און נאַקען קאָן בעטראַכטן דעם רבי׳ן אַלס שונא ישראל, חלילה. דריי, פיר און אויך פינעף מאָל אַ טאָג וויינט דער רבי אויס דעם „ותחזינה עינינו״. ער באַגיסט מיט ביטערע טרעהרן דעם „ולירושלים עירך״ און עהנליכע תפילות וועגן ארץ ישראל.

און סע איז כדאי צו געדענקען אַז ער איז אַן אור אייניקל פון דעם „ישמח משה״ זצ״ל, אויף וועמען מע האָט געזאָגט אַז ער איז אַ ניצוץ פון ירמיה הנביא, ווייל זיין גאַנץ לעבן האָט ער געטרויערט אויף חורבן ירושלים.

ער איז דער אב בית דין פון דער עדה החרדית אין דער שטאָט ירושלים אין ארץ ישראל. ער בויעט קרית יואל. ער האָט געגרינדעט אַ צאָל ישיבות אין בני ברק. ער שיקט פעקלאַך אַהין כסדר, פאַר שוועהרע טויזנטער דאָלאַרן יאָרלאַך. ער לאָזט איבער דאָרטן שוועהרע טויזנטערס אויף יעדער נסיעה אַהין. ער איז עס חלילה אַ „שונא ישראל״!!! אָבער וויפל בייזשטייערן צו דעם אויף בוי פון ארץ ישראל די ציון׳יסטישע פירערס וועלכע ציען פון די ציון פושקעס זייער פרנסה; וועלכע פאַרשווענדן הונדערטער טויזנטער דאָלאַרן יאָרלאַך אויף זייער אָפטן פליען קיין ארץ ישראל אַהין און צוריק אויף קהל׳ס חשבון? אדרבה, וויפל?! זיי זיינען עס אוהבי ישראל, מ׳שטעהענס געזאָגט. נישט דאָ ווער סע זאָל לאַכן!!!

אויב אהבת ציון מיינט זויגן פון דער ציון פושקע ביז צו דעם לעצטן טראָפן. און העלפן מיט שוועהרע צענדליקער טויזנטער דאָלאַרן יאָרלאַך ארץ ישראל הייסט שנאת ישראל. דאַן קאָן יעדער פרומער, עהרליכער איד בעטן מיט אַ רואיקן געוויסן דעם אייבערשטן, ער זאָל מזכה זיין אונז מיט פילע „שונאי ישראל״ ווי דער סאַטמאַרער רבי שליט״א איז.

און אגב, איך האָב באַמערקט אַ מאָל צו דעם רבי׳ן אַז איך האָב פיל אויס צו שטעהן פון די וועלכע האַלטן מיך פאַר

„געכאַפּט אין סאַטמאַריזם", האָט דער רבי אָן גערופן זיך מיט זיין גוט בעקאַנטן ליבלאַכן שמייכל: איצט קאָנט איר פאַרשטעהן ווי פיל איך לייד פון דעם דאָזיקן עלבון [בושה, שאַנד].

גרונדלאָזע, נישט באַרעכטיקטע באַשולדיגונגען

איך הער אָפט זאָגן אין מעהר אָדער ווייניקער סימפּאַטישע קרייזן: אַז דער רבי איז טאַקע גרויס, און אַזוי ווייטער, אָבער די חסידים, אַי די חסידים, זיי זיינען אַזוי און אַזוי...

איז ערשטנס אַ גרויסע פראַגע צי סע איז איבער הויפּט אמת.

צווייטנס, אויב סע שטעקט אין דעם אַ קורטוב, אַ ביסעלע אמת. איז ווי גרויס איז, מ'שטעהענס געזאָגט, דאָס גאַנצע ביסעלע?!

דריטנס, זיינען אַלע אַנדערע פאַרשידענע גרופּעס אידן, חסי־דישע, מתנגדישע, פּאַרטייאישע, און אַזוי ווייטער, זיינען זיי אַלע קודש קדשים, זיינען זיי אַלע טאַקע הונדערט פּראָצענט, אתמהא! איך גלויב קיים. און איך בין שטאַרק מסופּק צי אַנדערע גלויבן עס.

פערטנס, ווען סע זאָלן אַפילו געפינען זיך אַ פּאָר, וועלכע זיינען נישט פּאַסיג צו זיין סאַטמאַרע חסידים, איז עס דאָך גוט באַוויסט, אַז אין יעדער סטאַדע ווייסע שאָף געפינט זיך אַ שוואַרץ שעפּעלע. אין יעדער גרויסער מענגע מענטשן געפינען זיך עטליכע יוצאי דופן. און דער פירער קאָן נישט זיין פעראַנטוואָרטלאָך דערפאַר. סע פּאַסירט אַפילו אין די שעהנסטע פאַמיליעס.

אברהם אבינו האָט געהאַט צוויי זין איז איינער, ישמעאל, גאַנצע פיפציק פּראָצענט, אַרויס לתרבות רעה. איז דען דערפאַר אברהם נישט אברהם אבינו?!

יצחק האָט געהאַט צוויי זין, איז עשו, גאַנצע פיפציק פּראָ־צענט, אַרויס לתרבות רעה. איז דען דערפאַר יצחק נישט יצחק אבינו.

משה האָט געהאַט אויף זיך אַ מקושש [צלפחד]. איז ער דען דערפאַר נישט משה רבינו.

די גרעסטע מעהרהייט פון דעם פאָלק האָבן געוואָלט דעם גאָלדענעם קאַלב, איז דערפאַר דען אהרן נישט אהרן הכהן.

אבשלום האָט געוואָלט הרג׳ענען זיין אייגענעם פאָטער דוד המלך. איז דען דערפאַר דוד נישט דער „מלך ישראל חי וקיים״, דער „נעים זמירות ישראל״.

אידן האָבן נישט געפאָלגט די נביאים, זיינען זיי דען דערפאַר נישט די נביאים, און אַזוי ווייטער און ווייטער.

די אַרמעי דיסציפּלין אין אַלע לענדער אין דער וועלט איז די מעכטיקסטע דיסציפּלין אין דער וועלט, און זי האָט דעם כוח צו באַשטראָפן אַפילו מיט טויט [וואָס אַ רבי האָט נישט]. אָט לייענען מיר פון צייט צו צייט וועגן פאַרשידענע, מכל המינים׳־דיקע, מעהר אַרטיקע נישט אָנשטענדיקע זאַכן, פון אַ נישטיק גניבה׳לע ביז אַפילו מאָרד וואָס סאָלדאַטן באַגעהען. נו, איז שולדיק אין דעם דער פעלד מאַרשאַל?! איז שולדיק אין דעם דער פּרעזידענט פון די יונאַיטעד סטייטס, פון די פאַראייניקטע שטאַאַטן וועלאַכער איז דער הויפּט קאָמאַנדיר פון אַלע אַמעריקאַנער אַרמעיען?!

אָט האָבן עטלאַכע אינגע לייט צעריסן זייערע קאַרטעס צו שטעלן זיך צו דעם פּריזיוו, איז שולדיק אין דעם דער פּרעזידענט?!

אָט האָבן לעצטנס נייַנצען ציון׳יסטישע קאָלעדזש סטודענטן אַריין געריסן זיך אין די ביוראָס, אָפּיסעס פון דער סירישער דעלעגאַציע אין דער „יו ען״ אין ניו יאָרק, אַ מעשה נורא וואָס האָט געמאַכט געהן כאַדאַראָם די רעגירונגען פון הונדערט און איין לענדער אין דער וועלט. און סע איז געווען אַפילו אַ פאַר־שלאָג אַריבער צו פירן די „יו ען״ אין אַן אַנדער לאַנד. נו, איז דען שולדיק אין דעם דער פּרעזידענט פון דער ציון׳יסטישער אָרגאַני־זאַציע? געווים נישט.

אָבער טאָמער טוט אָפּ אַמאָל אַ בחור׳ל מיט פּיאות עפּיס אַ נאַרישקייט, און נישט שטענדיק איז ער דוקא אַ סאַטמאַרער. איז יעדער איינער וועלאַכער איז נישט געלינקט אויף דעם שכל וועט פאַרשטעהן, אַז דאָס האַרט דעם רבי׳ן מעהר ווי אַלע זיינע קריטיקערס צוזאַמען.

הושענות, שמיני עצרת, שמחת תורה
ביי דעם רבי'ן

גרויס איז דער אינספירירענדיקער כוח פון דעם סאַטמאַרער רבי'ן, פון דעם רעיא מהימנא, געטרייער פאַסטאַך, פון אונזער דור.

מעכטיק איז זיין איינפלוס אויף זיינע טויזנטער חסידים, כן ירבו.

שטאַרק איז זיין ווירקונג נישט דירעקט אויף טויזנטער אידן איבער דער גאַרער וועלט, און דירעקט אויף די וועלכע באַזוכן אים דאָס ערשטע מאָל.

אָבער גאָר באַזונדערס באַצויבערט זיין הייליקע התלהבות דורך געוויינט מיט האַרציקע תחנונים טרעהרען, דורך געוויימיקט מיט דעם נשמה'דיקען קרעכץ, פון אָט דער דאַזיקער פענאָמענאַלער פערזענלאַכקייט אין די לאַנגע שעה'ן פון תפילה, פון עבודה.

הושענא רבה, אַ ערך צען אַ זייגער אין דער פרי, שטעהט שוין דער פאַטריאַרכאַליש אויס זעענדיקער סאַטמאַרער [סאַק־מאַרער] צדיק און גאון ביי דער עבודה. אין שוהל געפינען זיך אַ ערך הונדערט מנינים, כן ירבו. אידן פון אַלע עקן אַמעריקע, פון ארץ ישראל, פון ענגלאַנד, קאַנאַדע, בעלגיע און פון אַנדערע לענדער זיינען פאַרטראָטן. אָט די דאַזיקע מאַסע אידן, אינגע, מיטל יאָריקע, עלטערע און אַלטע מיט ברוינע, געלע, שוואַרצע, גרויע, ווייסע בערד, און מיט געקרייזלטע פיאות זיינען איין געוויקלט אין וואָלענע טליתים, א). בחורים מכל המינים עלטער בעלאַגערן די פענצטערס, האַלטן אָן זיך אין די הויכע רשאַקען. די פיר וועגט שוויצן, סע זעצט אַ גרויע פאַרע פון זיי. פון יעדער פנים טריפן, טריפן גרויסע טראָפּנס שוויים, וועלאַכע בלישטשען אין דעם עלעקטרישן ליכט ווי בליאַסקנדיקע דימענטן. אַ ריזיקע קוואַדראַט דעק פון זילבער בליאַסקעדיקע עטרות פינקעלט איבער זייערע קעפּ.

א) אין תלמוד איז טלית אויך לשון נקבה; טליות, טליתות, צום ביישפיל: טלית שכולה תכלת, ירושלמי סנהדרין פרק י, הלכה א; טלית כפולה, שבת קלח, א און מנחות מא, א; היוצאים בטליתות, שבת קמז, א; היוצא בטלית מקופלת, שבת קמז, א; עשר טליות, ד' טליות, זעט זבים פרק ד, הלכות ו און ז.

פון אָט דער דאָזיקער בלישצענדיקער זילבער פלאַכע גרינט אַרויס אַ קנאַפּע טויזנט לולבים'דיקער וואַלד. די גרינע לולבים באַפּוצט מיט די הדסים און ערבות באַוועגן זיך ריטמיש מיט די הייליק פּורכטיקע אַהין און צוריק ריטמישע באַוועגונגען פון דער טויזנט קעפּיקער מאַסע. בעת די אויגן פון די עלטערע חסידים גיסן מיט האַרץ רייסענדיקע טרערן, זיינען די אויגן פון די אינגע לייט — חסידים מיט שטראַימלען, זיידענע קאַפּאָטעס און גאַרטלען, די תלמידים'לאַך מיט די פריש אויס געצוואָגענע גע־קרייזלטע פּיאה'לאַך, געריכטעט צו דעם רבי'ן. זייערע אויערן זיינען אָן געשפּיצט צו דעם רבי'ן. און רבנים פון פאַרשידענע געגנטן זיינען אויך דאָ. זיי זיינען געקומען „שעפּן הייליקע אינס־פּיראַציע". און אַזוי אַרום בעאיינפלוסט דער רבי נישט דירעקט אויך אַנדערע קהילות.

און היים, פלאַמעדיק איז די התלהבות פון די מתפללים, פון די דאַווענערס. זי ווערט הייסער, און הייסער, פלאַמעדיקער און פלאַמעדיקער, התלהבות'דיקער און התלהבות'דיקער מיט דעם רבי'נס יעדער תפילה, מיט דעם רבי'נס יעדער באַוועגונג.

ברויזנדיק שטורמיש איז „הלל". און אַז איר ווערט מיט געריסן מיט דער פערכאַפּנדיקער התלהבות, דערשפּירט איר באַלד אַ געפיל, אַז די דאָזיקע תפילה דערגרייכט דאָרט אַהין, וואוהין זי איז געריכטעט. און איר טראַכט זיך: ווי הויך קאָן שוין זיין די התרוממות, די דערהויבנקייט וועלאַכע דער אמת'ער, ווירקלאַכער ערלאַך־פרומער סאַטמאַרער חסיד פילט, לעבט דורך.

און אָט קומט דער סאַמע הויך פונקט — **הושענות!** אַ הייליק ציטערנדיקע שטילקייט כאַפּט אַרום דעם גאַנצן אינע־ווענדיק פון דעם בית המדרש. און פּלוצים אַן אוי, אַ קרעכץ! און איר דערפילט מיט אַלע וויבערן פון אייער האַרץ, מיט אייער גאַנצער נשמה אַז דאָס איז אַ קרעכץ פון דעם גאַנצן אידישן בראָך, פון אַלע אונזערע איבער זעקס מיליאָנען קדושים, ה' ינקום דמם, פון אונזערע ליידנדיקע מיליאָנען ברידער און שוועסטערס אין די קאָמוניסטישע לענדער, פון דער ירידה פון תורה אידישקייט, פון דעם גאַנצן אידישן וועהטיק אין אַלע זיינע פאַרשידן אַרטיקע פאַזן, אין פאַרשידענע לענדער. און ווען דער רבי שליט"א קרעכצט אַרויס דעם האַרץ שפּליטערדיקן „אוי", דעם אויסגעוויינטיקטן „וועה" ממעמקים, פון דער טיפעניש פון זיין האַרץ — דעם אויס געשרעה

הושענא! דערפילן די מתפללים אַז זיי שטעהען פנים אל פנים מיט דעם אַלער־ערנסטן מאָמענט פון דעם גמר טוב'עדיקן טאָג.

צווישן איין שטעלע און דער צווייטער זאָגט דער רבי. דאָס זאָגן באַשטעהט פון **תחנונים,** וועלכע שטורמען אַרויס פון אַ האַרץ אין וועלכן סע ברויזן די צרות פון דעם אידישן פאָלק און דאַרפן שטורמען די הימלען, און פון **מוסר** וואָס קאָן „רירן אַ שטיין". און ביי יעדער „זאָג" וועלכער דרינגט אַריין אין די טיפענישן פון דעם האַרץ, אין די פאַרבאָרגענישן פון דער נשמה, ברעכט אויס דער עולם, אינג און אַלט אין אַ הויכן יאָמערליכן געוויין וואָס צעטעמט אויף שטיקער. אַ הונדערט מנינים אידן, כן ירבו, מיט בערד און פיאות, איין געוויקלט אין לאַנגע, שווערע, וואָלענע טליתים וויינען אויס, קלאָגן אויס זייערע תפילות, אויף דעם הויכן קול!!! אַ ציטערנדיקע פורכט, אַ נעילה־פחד אין דעם קליינעם שטעטל פאַלט אָן אויף אייך!

אַט אַזוי שטעהט דער רבי פון די מאָרגן שעה'ן ביז די שפעיטע נאָך מיטאָג שטונדען, און פירט דורך דעם הושענא רבה'־דיקן הימלם דינסט. איר שטעהט אַ צערודערטער, אַ צעבראָכענער.

איר זענט געקומען בלויז זען מיט אייערע אייגענע אויגן דעם וועלט באַרימטן גאון און צדיק, דעם סאַטמאַרער רבי'ן נר"ו וועלכער איז שוין ביי דעם לעבן עד מאה ועשרים שנה אַ לעגענדאַרישע פערזענלאַכקייט. און איר זענט גאָר ווי דורך עפּיס אַ צויבער געוואָרן טראַנספּערירט אין אַן אַנדער וועזן.

סע דאַכט זיך אייך, איר פילט אַפילו ווי איר זענט געוואָרן עפּיס אַן אַנדער מענטש. איר זענט קערפּערלאַך פערמאַטערט, צעבראָכן, אָפּ געפאַלן אין אייער אייגענעם אינען; אַזוי נישטיק, אַזוי גאָר נישטדיק אין אייערע אייגענע אויגן. און אויף אייער נשמה, וועלכע האָט ביז היינט כסדר געלעכצט נאָך **עפּיס** צופרידן שטעלנדיקס, נישט וויסנדיק אַליין נאָך וואָס; וועלכע האָט גע־בענקט, געגאַרט נאָך עפּיס אַבסטראַקטס, אפשר גאָר נישט בנמצא'־דיקס, גאָר נישט עקזיסטירנדיקס, וואָס זאָל זעטיקן אייער גייסטיקן געמיט צו שטאַנד, גיבן אייער טאָג טעגלאַך לעבן אַ תוכן, אַן אינהאַלט, אַ זין. און פּלוצים, ווי פון דער העלער הויט איז געוואָרן אייך אַזוי לייכט אויף דעם האַרץ, אַזוי גרינג אויף דער מידער נשמה.

ביז היינט איז אייער גאַנצער לעבנס געדאַנק, אייער זוכן דעם זין פון לעבן, אַרום געשווימען ווי אין אַ וואַקוּאוּם, ווי אין אַ לופטלאָזן חלל, אין אַ לופטלאָזער ספערע, אָהן אַ באָדן אונטער זיך. און היינט ביי דעם סאַטמאַרער רבי׳ן האָט איר דורך אַ ריינעם צו פאַל געפינען דאָס, נאָך וואָס אייער בענקעדיקע נשמה, אייער לעכצענדיק הארץ האָבן געגליסט. דאָס לעכצן, בענקען, דאָס גליסטן וועלכע האָבן געדריקט אייער נשמה, אייער האַרץ, זיינען פאַרשווינדן גלייך ווי זיי זיינען נישט געווען אין גאַנצן. סע איז געוואָרן אייך אַזוי גרינג אויף דער נשמה, אַזוי לייכט אויף דעם האַרץ, ווייל איר האָט געפינען דעם טויזנטער יאָריקן אמת׳ן, תוכן־דיקן, אינהאַלט האָבנדיקן זין פון דעם אידס עקזיסטענץ און לעבן.

הושענא רבה אין דעם סאַטמאַרער בית המדרש האָט איר געפינען צוריק דאָס שוין לאַנג פאַרגעסענע מיטל פאַר דער אייביקער עקזיסטענץ פון די אידן אַלס אַן אידיש פאָלק. פונקט ווי שלמה המלך האָט איר דערפילט און איין געזען דעם היסטאָ־רישן אמת, דעם אמת׳ן זין פון לעבן: „את האלקים ירא, ואת מצוותיו שמור, כי זה כל האדם״, האָב מורא פאַר דעם אייבערשטן, און היט אָפּ זיינע געבאָטן, וואָרן דאָס איז דער גאַנצער מענטש [ענדע קהלת].

און איר טראַכט: ווי אַזוי וועט דער רבי נר״ו האָבן כוח נאָך אַזאַ עבודה צו געהן מיט אַן הקפה.

הקפות

אַרום עלף אַ זייגער שמיני עצרת ביינאַכט. דער בית המדרש איז געפּאַקט, נישט בלויז אויף די טישן און אויף די בענק, נאָר ממש אויף די ווענט און אויף די טירן, אויף די פענצטערס און אין דער לופטן, אַ שפּילקע נישט אַריין צו וואַרפן. דער רבי קומט, קיין שפּור פון מידקייט. זיין פּנים לייכט מיט שטראַלנ־דיקער הערליכקייט, מיט אַזאַ רואיקער צו פרידנקייט וועלכע דריקט אוים זיכערקייט, אַז די תפילות זיינען געוואָרן אָן גענומען.

צוויי געשלאָסענע „קייטן״ פון געאָרעמטע הענט ווערן פאַר־

מירט אין צוויי רינגען, איינער אין דעם אַנדערן. צווישן די דאָזיקע צוויי „קייטן" טאַנצט דער רבי אַ כּסדר לויפעדיקן טאַנץ אַרום און אַרום אין דעם בית המדרש.

די ערשטע הקפה געדויערט אַרום אַ שעה. די מענטשן־„קייטן" זיינען פערמאַטערט, אויס געשעפּט, מיט שוויים דורך גע־נעצט ביז צו דעם העמד, און דאָס העמד אַריין געערעכנט. דער רבי, אָן געטון אין אַ וואָלענעם טלית, אַ שווערע עטרה, אַ תורה'לע אויף די הענט, אַ ליידנדיקער לא אלינו אויף די פיס, איז נישט מיד אויף אַ האָר. און ער פּראַוועט אַזוי די הקפות שטונדן לאַנג. ווען מע זאָל אויס מעסטן דעם צירקל אין וועלכן ער „שווייבט" אַרום מיט דער תורה, איבער ציילן וויפל מאָל און רעכענען דאָס צוזאַמען, וואָלט דאָס באַטראָפן אַ היבשע צאָל מיילן. און אַט נאָך דער דאָזיקער עבודה, פּראַוועט דער רבי טיש אין דער סוכה, זאָגט לומד'ישע תורה, און ענדיקט אַרום פיר פאַר טאָג. קרעפטיקע אינגע חסידים קאָנען קוים האַלטן אָפן די אויגן. אָבער דער רבי איז פריש און מונטער, פונקט אַזוי ווי ווען ער איז געקומען צו די הקפות.

שמיני עצרת אין דער פרי. דער רבי איז אין בית המדרש. אַ רואיקע, צו פרידענע מונטערקייט ליגט אויף זיין שטראַלנדיק פּנים, א). ער פּראַוועט די עבודה. באַשרייבן לאָזט זיך דאָס נישט. דאָס דאַרף מען מיט מאַכן, דורך לעבן. דער רבי איז ווידער אויף די קראַנקע פיס דעם גאַנצן טאָג. מע דאַוונט אָפּ שוין צוזאַמען מיט מנחה.

שמחת תורה ביינאַכט. נאָך מיטן־נאַכט הייבן אָן זיך די הקפות. מאַסן מענטשן שטראָמען. אין בית המדרש — קאָפּ אויף קאָפּ. אַריין איז שוין נישט מעגלאַך. די גאַס איז געפּאַקט. דער בלאָק איז אָפּ געשלאָסן. די פּאָליצעי האַלט אָרדנונג. די ווענט שוויצן. און ביז פיר אַ זייגער פאַר טאָג טאַנצט דער רבי דעם „לויף טאַנץ" מיט דער תורה. וואָס לענגער ער טאַנצט, אַלץ פלינ־

א) איך האָב געפרעגט מיין דענצמאָל צען יאָריקן זון משה: וואָס איז דער אונטער שייד פון דעם סאַטמאַרער און די אַנדערע רביים וועלאַכע דו קענסט. האָט ער געענטפערט: דעם סאַטמאַרערס פּנים שפּרודלט מיט הייליקייט.

קער ווערט ער. חסידים באַמערקן אַז נישט נאַטירליכע כוחות שטעקן אין דעם. אַ רעיון, אַ געדאַנק לויפט דורך: אַ הויכער גייסט שוועבנדיק אין העכערע ספערעס פילט קיין קערפּערלאַכע מידקייט. אָבער ווי סע זאָל זיין האָט דער לויף טאַנץ געדויערט אַרום פיר שטונדן.

אגב, ווען דער רבי האָט אַ מאָל נישט מעהר געדאַכט און, פאַר קיינעם געדאַכט, געליטן שטאַרק אויף די פיס, און דער דאָקטאָר האָט **פאַרבאָטן** אים צו דורך מאַכן אויף זיין דרך אַלע הקפות. האָט ער געזאָגט אים „שמיני רגל בפני עצמו״, א) אַז שמיני עצרת האָט ער גאָר אַנדערע פיס.

און ווי סע ווייזט אוים עקזיסטירט נישט ביי דעם סאַטמאַרער רבי׳ן דער אָן גענומענער באַגריף פון **צייט**. ביי דעם רבי׳ן איז נאַכט טאָג, און טאָג איז דאָך געווים טאָג. אַרום האַלב נאָך פיר אַ זייגער פראַוועט דער רבי טיש, א). נאָך דעם הייבט אָן זיך אויף דער גאַס דער באַרימט געוואָרענער טאַנץ, וועלאַכן דער רבי זעט פון זיין וואוינונג דורך אַ פענצטער. אַזוי ציט דאָס זיך ביז סע הייבט אָן צו טאָגן. און פילע געהען אַוועק אין בית המדרש אַריין צו דאַווענען בהשכמה.

שמחת תורה ביי טאָג. און פאַרשטעהט זיך אַז שמחת תורה, דער קלימאַקס פון דעם יום טוב סוכות, ווערט געפּייערט מיט נאָך מעהר התלהבות, מיט נאָך מעהר ברען. געפּאַקטע מחנות מענטשן ציען זיך צו דעם בית המדרש, אָבער זיי מוזן בלייבן שטעהן אין דרויסן, אין די אַרומיגע גאַסן. און אין בית המדרש ענדיקן די הקפות זיך אַרום מנחה צייט.

אָך, וואָס פאַר אַן ענדערונג סע איז פאַר געקומען אין די לעצטע צוויי צענדליק יאָרן בערך אין דעם אידישן לעבן אין אַמעריקע! מיט אַ צוואַנציק יאָרן צוריק האָט אַ בעקאַנטער רב נישט געוואַגט צו באַווייזן זיך מיט אַ שטראַימעל אין גאַס און טאַקע אין וויליאַמסבורג. און היינט טאַנצן טויזנטער שטראַימעל אידן אין די גאַסן פון וויליאַמסבורג, קראַון הייטס, באָראָ פּאַרק

א) ראש השנה ד, ב; סוכה מח, א; חגיגה יז, א.

א) אגב, דער רבי האָט געגיבן אַ מאָל איינעם, אַ נישט סאַטמאַרער חסיד, שיריים, און ער האָט געזאָגט אים מיט אַ שמייכל: וואַרפט עס נישט אַוועק, איר וועט זיין אַן עובר בבל תשחית.

און פּאַליצעי האַלט נאָך וואַך. מיט אַ צוויי צענדליק יאָרן צוריק איז אַ קליין אינגעלע מיט פּיאות נישט געווען כמעט בנמצא אין אַמעריקע. היינט זעט איר אין די סאַטמאַרער **ישיבות** אין וויליאַמס־בורג אליין איבער צוויי טויזנט אינגעלאַך מיט פּיאות, בחורים מיט פּיאות און בערדלאַך, כן ירבו, אַ חוץ אין די אַנדערע חסידישע און ליטווישע ישיבות אין די פאַרשידענע געגנטן אין גרוים ניו יאָרק, אין די געגנטן אַרום ניו יאָרק, און אין אַנדערע שטעט אין אַמעריקע.

און זאָל דאָ אויך ווערן דערמאַנט אַז דער רבי איז אויך דער בעל קריאה שבתות און ימים טובים. סע האָט איינער געפרעגט אַ מאָל דעם רבי'ן צי ער איז טאַקע אַ בעל קריאה. האָט דער רבי געענטפערט אים: „אַ בעל קריאה בין איך נישט, אָבער איך לייען". אַזוי צי אַזוי, אָבער דער סך הכל איז דער זעלבער. דער רבי לייענט.

און דער רבי איז אויך דער בעל תפילה. אָבער ער דאַוונט נישט פאַר דעם עמוד, ער דאַוונט פאַר דעם אייבערשטן.

דער רבי ר' לוי יצחק בערדיטשעווער זצ"ל, האָט געפרעגט אַ מאָל אַ חזן פאַר וואָס ער איז הייזעריק. האָט ער געענטפערט אים, ווייל ער האָט געדאַוונט פאַר דעם עמוד. האָט דער בערדי־טשעווער געזאָגט צו אים: אָבער ווען איר וואָלט געווען געדאַוונט פאַר דעם אייבערשטן, וואָלט איר נישט געווען געוואָרן הייזעריק.

וועגן זיין גרויסקייט אין לערנען, זיינע ספרים, דרשות, תורה ביי די טישן און שיחות חולין שצריכים לימוד פאָדערט זיך, פאַרשטעהט זיך, אַ גאַנץ באַזונדערער ספר.

רעזומעי

סע איז אָן אָהן באַשטרייטבאַרער, פעסט געשטעלטער פאַקט אַז מיט דעם אַריבער קום פון די חסיד'ישע רביים, האָט פרום אידנטום באַקומען אַ געוואַלדיק מעכטיקע פעסטונג. די הויפּט פאַקטאָרן פאַר דעם שוואונג פון פרום אידישקייט אין אַמעריקע אין דעם פאַרלויף פון די לעצטע דריי צענדליק יאָרן בערך, זיינען די ישיבות, באַזונדערס די חסיד'ישע ישיבות, און ועל כולם די

סאַטמאַרער, א). זיי ווירקן אויס אַ קאָלאָסאַל גרויסן איינפלוס אויף זייערע אייגענע חסידים, און באַאיינפלוסן שטאַרק די נישט חסיד׳ישע קרייזן.

און זאָל ווערן אונטער שטראָכן דאָ אַז דעם סאַטמאַרער רבי׳נס איינפלוס איז גרויס אויך אין אַנדערע קרייזן. סע זיינען פאַראַן פאַרשידענע פאַקטאָרן וועלכע האָבן באַוויזן צו אַוועק שטעלן די סאַטמאַרער „באַוועגונג" אויף אַזא הויכן פעדעסטאַל אין אַזא פאַרהעלטנישמעסיק קורצער צייט.

פאַר אַלעם, די פירענדיקע פערזענלאַכקייט, דער לייטנדיקער גייסט — דער רבי אַליין. גאונות, צדקות, חכמה, חסידות, צדקה, אהבת ארץ ישראל, אהבת עם ישראל, בחסד עליון׳דיקע פירער־שאַפט, און נאָך, אין איין פערזאָן, זיינען נישט פון די אָפטע ערשיי־נונגען אין יעדער דור. פירערשאַפט אָהן פערזענלאַכע נוצן, אונטער נעמונגען אָהן פערזענלאַכע צוועקן, זיינען נישט ווייניקער זעל־טענע ערשיינונגען. אַ קהל פאַרזאָרגער אָהן פערזענלאַכע אינטע־רעסן [געלט, אָדער כבוד, וכדומה] איז נאָך דערוויל אַ חלום. באַגרייפן די נייטיקייט פון אַ מאָמענט און פאַרשטעהן ווי צו באַגעגענען אַ געגיבענע סיטואַציע, איז אַ בעגאַבונג וועלכע נישט יעדער פירער, אַפילו ביי דעם בעסטן ווילן, באַזיצט.

און סע איז כדאי צו באַמערקן אַז מיט בלויז איין וואָרט, און אַ מאָל דוקא מיט אַ „מאָדערנעם", אַ „ליטעראַריש" וואָרט כאַראַק־טעריזירט דער רבי דעם גייסטיקן אָדער פסיכישן געשטעל פון אַ מענטשן. איך האָב אַ מאָל געפרעגט דעם רבי׳ן זיין מיינונג וועגן אַ געוויסן מענטשן אין ארץ ישראל, האָב איך באַקומען דעם ענטפער: אַן עהרליכער איד, אַ צדיק, אָבער אַ **כניאָק**.

אַ אינגע געבילדעטע, אינטעליגענטע פרוי האָט געבעטן דעם רבי׳ן, ער זאָל בענטשן זי מיט אַ אינגל, נאָר ער זאָל זיין אַ משה רבינו. האָט דער רבי געגיבן אַ זאָג צו מיר שטילערהייט: **פאַנטאַ־זיע!** סע וואָלט גענומען אַ פסיכאָלאָג ווער וויסט ווי לאַנג צו ערקלעהרן עס. דער רבי האָט דערקלעהרט עם מיט איין וואָרט.

א) וועגן די אַנדערע ישיבות, ווי די ליובאַוויטשער, באָבאָווער, צעהלעמער, ר׳ חיים ברלין, תפארת ירושלים, בית מדרש גבוה, ר׳ יעקב יוסף, חפץ חיים און אַנדערע, איה״ש אין די קומענדיקע בענדער.

מיט אַט די דאָזיקע וויכטיקע אייגנשאַפטן, וועלכע זיינען אָהן באַדינגטע נייטיקייטן פאַר אַן ערפאָלגרייכער דורך פירונג פון קאַרדינאַלע אונטער נעמונגען, איז דער סאַטמאַרער רבי באַ־שענקט מיט אַ פולער מאָס. צו דעם קומט נאָך צו זיין ברייטע און טיפע בעהאַוועטקייט אין וועלטלאַכע אַנגעלעגנהייטן, אין פּאָליטישע ענינים, און אַזוי ווייטער.

זיין וואַך אויג און אָפּענער אויער זיינען אָפּן צו אַלץ און אַלעם וואָס שפּיגלט אָפּ זיך אין די פאַרשידענע ריכטונגען און שאַטירונגען פון דעם אידישן לעבן, דאָ אין אַמעריקע, אין ארץ ישראל, אין רוסלאַנד און אין אַנדערע לענדער. און דערפאַר איז ער דער מורה דרך, דער וועג ווייזער בחסד עליון, דער מנהיג פאַר עקסעלאַנס, וועמען אַפילו זיינע פאַרביסנסטע געגנערס מוזן רעספּעקטירן. דערפאַר טאַקע ווערט די פיל פאַרצווייגטע טעטיקייט פון סאַטמאַר אויף די געביטן פון חינוך, כשרות, טהרת המשפחה, שמירת שבת וימים טובים און נאָך, און נאָך, אַלץ ברייטער און טיפער, און רופט אַרויס באַווינדערונג און רעספּעקט אַפילו אין לאַגערס וועלכע האָבן אַנדערע מיינונגען, און אַפילו אין אַנטאַ־גאָניסטישע קרייזן. סע איז גענוג צו דערמאָנען בלויז די פאַר צענדליק ישיבות „יטב לב״, „תורה ויראה״, און „בית רחל״ פאַר מיידלאַך אין אַמעריקע, קאַנאַדע, ארץ ישראל און אין אַנדערע לענדער.

אַ פּערזענלאַכקייט וועמען די לומד׳ישע וועלט אַנערקענט אַלס גאון אין תורה, אין לערנען; די חסיד׳ישע וועלט האַלט אים פאַר אַ גדול אין חסידות; אין דער רבי׳שער וועלט הכל מודים, גיבן אַלע צו אַז ער איז גרויס אין צדקות; אין אַלע שיכטן פאָלק באשר הם שם, איבעראַל, אַפילו הינטער דעם אייזערנעם פאָרהאַנג אין רוסלאַנד, איז ער באַוויסט אַלס גרויסער בעל צדקה. אַזאַ פענאָמענאַלע פּערזענלאַכקייט באַאיינפלוסט זעלבסט פאַרשטענדלאַך אויך מענטשן אויסערהאַלב זיין אייגענעם קרייז.

אַט דערפאַר האַלטן די סאַטמאַרער אַקטיוויטעטן, טעטיקייטן, אונטער נעמונגען אין איין וואַקסן נישט געקוקט אויף די ביליגע, נישט אמת׳ע, נישט באַגרינדעטע, נישט אוים געהאַלטענע, פאַר־פירענדיקע קריטיקן, און אפשר גאָר דוקא דערפאַר, אין איין וואַקסן, אין איין פאַרשפּרייטן זיך, און שלאָגן טיפע וואָרצלען אין פאַר־שידענע אַנדערע קרייזן. סע איז כמעט נישט דאָ דער טאָג אין

וועלאַכען סע זאָלן נישט צו קומען נייע סימפּאַטיקערס, אָן הענ־
גערס, נייע חסידים, כן ירבו.

און אַט דאָס און פיל מעהר האָט באַוויזן מיט פענאָמענאַלן
ערפאָלג, מיט השפּעה׳דיקער הצלחה, אין דעם קורצן שפּאַן פון אַ
צוויי צענדליק יאָרן הגאון האדיר, רבן של ישראל, דוך דוכנין,
האדמו״ר הרב ר׳ יואל טייטלבוים, נר״ו ושליט״א, אמן כן יהא רעוא.

די וויכטיקייט פון שבת

תורה, דער כוח פון לערנען תורה

לויט תלמוד און מדרש

פון הרב דר. אהרן ראָזמאַרין

די וויכטיקייט פון שבת

(צוליב דער וויכטיקייט פון שבת דרוק איך אין
מיינע אַלע אידישע ביכער דעם דאָזיקן אַרטיקל)

פונקט ווי דאָס סאָציאַלע לעבן פאָדערט געוויסע פאָרמען פון עטיקעטע, געוויסע קאָנווענציאָנעלע אויפפירונגען, אַזוי אויך פאַרמאָגט אונזער רעליגיע אַ רייע פון מצוות מעשיות, מנהגים און רעליגיעזע צערעמאָניעס וועלכע רעגולירן דאָס אידישע רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע אַלטעגלעכע לעבן. ווען אַ איד דאַוונט, איז אַפילו ווען ער פאַרגייט זיך אין העכסטער התלהבות, בלייבט עס דאָך פאַר אים בלויז אַן אַבסטראַקטע פאָרמע פון רעליגיעזן אויסלעבן זיך. דאַגעגן אָבער ווען ער איז מקיים אַ מצוה, פירט דורך אַ רעליגיעזן מנהג, איז עס פאַר אים אַ קאָנקרעטע זאַך. ער טאַפּט עס ממש אָן מיט די הענט.

זייענדיק אַן אַלט פאָלק, און די ערשטע וועלכע האָבן פּראָקלאַמירט דעם מאָנאָטעאיסטישן גלויבן, דעם גלויבן אין **אחד**, זיינען אונזערע מצוות שוין אַלט טויזנטער יאָרן. און אונזערע מצוות מעשיות, מנהגים און רעליגיעזע צערעמאָניעס זיינען ניט גלאַט סימבאָלן וועלכע דריקן בלויז אוים אונזערע רעליגיעזע געדאַנקען און געפילן, נאָר זיי העלפן אויך דעם מענטשן צו **לעבן** רעליגיעז. און שבת איז איינער פון די פונדאַמענטאַלע זיילן פון אונזער רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן לעבן. שבת איז איינער פון די שטאַרקסטע רינגען אין אידישקייט.

אויב מיר ווילן עקזיסטירן אַלס אַ **אידיש** פאָלק מוזן מיר אָפּהיטן שבת. אָהן שבת קען קיין אידיש פאָלק זיין, פונקט ווי עס קען ניט זיין אַ שבת אָהן אַ אידיש פאָלק. וואָרום שבת איז דער צענטראַלער פונקט פון דער גאַנצער תורה, פון דעם גאַנצן רעליגיעזן און נאַציאָנאַלן לעבן. דער פאַקט וואָס „בשבת ניתנה תורה לישראל" א), אַז שבת איז די תורה געגעבן געוואָרן די אידן, באַווייזט אַז שבת איז דער עיקר פון אַלע עיקרים אין דער אידישער רעליגיע.

שבת איז אַזוי אַלט ווי בריאת העולם, ווי דער וועלט־באַשאַף. און דער באַשעפער פון דער וועלט איז געווען דער

א) שבת פו, ב.

ערשטער שומר שבת. דערציילט אונז דאָך די תורה, אַז אין זעקס טעג האָט דער אַלמעכטיקער באַשאַפן די וועלט, און דעם זיבעטן טאָג האָט ער גערוט ב). אַז דער אַלמעכטיקער האָט אָנערקענט שבת אַלס דעם טאָג פון רו, קען מען אויך זען דערפון וואָס שבת איז קיין מן אַרונטערגעפאַלן פונעם הימל ג). און ניט נאָר איז אָפּהיטן שבת איז שוין אויך אַזוי אַלט ווי דאָס אידישע פאָלק. האָט דאָך שוין אברהם אבינו מקיים געווען די גאַנצע תורה, אַפילו עירובי תבשילין און עירובי חצירות, און אַפילו אַ „מצוה קלה שבעל פה" ד), אַ לייכטע מצוה וואָס ווערט ניט אויסדריקלעך דערמאָנט אין דער תורה. זאָגן דאָך די חכמים ז"ל בפירוש אַז יעקב אבינו האָט אָפּגעהיט שבת „קודם שניתן" ה), נאָך איידער ער איז געגעבן געוואָרן. אויך די אידן אין מצרים האָבן אָפּגעהיט שבת. ווען משה, וועלכער איז דערצויגן געוואָרן אין דעם עגיפּ־טישן קעניגס הויף, איז אונטערגעוואַקסן, און ער האָט צום ערשטן מאָל דערזען ווי שווער די אידן שקלאַפן אין מצרים, האָט ער אַפּעלירט צו פרעה'ן ער זאָל זיי באַוויליגן אַ רו־טאָג יעדע וואָך, און ער האָט באַשטימט שבת אַלס דעם טאָג פון רו ו).

נאָך מער, לויט די חכמים ז"ל איז די מצוה פון שבת געגעבן געוואָרן די אידן נאָך פאַר מתן תורה. ווען די אידן זיינען אַריבער דעם ים־סוף, האָבן מאַרשירט דריי טעג אין דער מדבר שור און זיינען אָנגעקומען קיין מרה, זיינען זיי דאָרט געבאָטן געוואָרן אָפּצוהיטן שבת ז). זיינען דאָך די הייליקייט פון שבת און די מצוה פון אָפּהיטן שבת פּראָקלאַמירט געוואָרן אין די עשרת הדברות ח). און ניט נאָר הייסט אונז די תורה רוען שבת, נאָר „שבת הוא לד' בכל מושבותיכם" ט), וואו אַ איד זאָל זיך געפינען דאַרף ער אָפּהיטן שבת. האַלט טאַקע די תורה אין איין וואָרענען: „את שבתותי תשמורו", מיינע שבתות

ב) בראשית ב, ב—ד; שמות לא, יז.

ג) שמות טז, כב—ל.

ד) יומא כח, ב; קידושין פב, א; תנחומא לך לך; בראשית רבה פרשיות מט, סד, צה.

ה) בראשית רבה פרשה עט.

ו) שמות רבה פרשה א, פרשה ה.

ז) זעט: שמות טו, כה און רש"י דאָרט; שבת פז, א—ב; סנהדרין נו, ב.

ח) שמות כ, ח—יב; דברים ה, יב.

ט) ויקרא כג, ג.

זאָלט איר אָפּהיטן, „ושמרתם את השבת" י), און היט אָפּ דעם שבת. און ניט נאָר טאָר מען שבת טאָן קיין מלאכה, נאָר אַפילו דאָס בית המקדש מעג מען ניט בויען שבת כ). רוט דאָך אַפילו דער סמבטיון שבת ל). שבת איז דער אייביקער אָפּמאַך אויף אַלע דורות, צווישן דעם וועלט-באַשעפער און ישראל סבא מ), דעם אַלטן ישראל. און פונקט ווי יום הכפורים, דער הייליקסטער און פאַרכטיקסטער טאָג פון יאָר, ווערט אויך שבת באַצייכנט אַלס „שבת שבתון" נ), דער שבת פון די שבת'ן.

פאַר אַזוי וויכטיק האָבן די אידן אין משך פון אַלע דורות באַטראַכט שבת, אַז אפילו די יעניגע וועלכע האָבן ניט אַזוי שטאַרק מדקדק געווען, זיינען ניט געווען אַזוי פּאַרטיקלע, אין אָפּהיטן די פאַרשידענע אַנדערע מצוות, האָבן זיי דאָך ניט פאַרשוועכט שבת ס). דער נביא ירמיהו וואָרנט אַז דאָס פאַרשוועכן שבת וועט פירן דערצו אַז ירושלים וועט חרוב ווערן ע). און אונזערע חכמים ז"ל זאָגן טאַקע „לא חרבה ירושלים אלא בשביל שחללו בה את השבת" פ), אַז ירושלים איז חרוב געוואָרן נאָר דערפאַר ווייל מען האָט דאָרט פאַרשוועכט דעם שבת. אָבער אַזוי ווי אונזער רעליגיע באַטראַכט דעם מענטשנס לעבן פאַר זעהר טייער, איז טאַקע „פקוח נפש דוחה שבת" צ). אינעם פאַל ווען אַ מענטש איז קריטיש קראַנק, מעג מען, אונטער געוויסע אומשטענדן, פרעגנדיק פריער אַ פרומען רב, מחלל שבת זיין.

די „קעניגין" און די „כלה" שבת ק) איז געגעבן געוואָרן די אידן אַלס „מתנה טובה". דער אַלגעגנוואַרטיקער האָט געזאָגט צו משה'ן: „מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה ואני מבקש ליתנה לישראל, לך והודיעם" ר), איך האָב אין מיינע אוצרות אַ גוטע מתנה, איר נאָמען איז שבת, און איך וויל זי געבן דעם פאָלק ישראל, גיי און זאָג זיי. און געגעבן געוואָרן איז

י) זעט שמות לא, יג—יז.

כ) יבמות ו, א; זעט אויך שבת מט, ב.

ל) בראשית רבה פרשה יא.

מ) שמות לא יג—יז.

נ) שמות לא, טו; ויקרא כג, ג.

ס) זעט: ישעיה א, יג; עמוס ח, ה.

ע) ירמיה יז, כז; יחזקאל כ.

פ) שבת קיט, ב; זעט יחזקאל כב, כו.

צ) מכילתא תשא; יומא פה, א.

ק) שבת קיט, א.

ר) שבת י, ב; ביצה טז, א.

שבת „בצנעא", שטילערהייט, אָהן טאַראַראַם, אָהן „פּובּליסיטי" ש). און ווען שבת האָט זיך באַקלאָגט פאַר דעם באַשעפער פון דער וועלט פאַר ניט האָבן אַ בן־זוג, האָט דער אויבערשטער געענטפערט: „כנסת ישראל היא בן זוגך" ת), דאָס פאָלק ישראל איז דיין חתן.

אויסער דעם וואָס „שכל מי שמשמר את השבת מרוחק מן העבירה" א), אַז ווער עס היט אָפּ שבת ווערט דערווייטערט פון דער עבירה, פאַרמאָגט שבת אין זיך די אייגנשאַפט וואָס עס איז „מוספת קדושה על ישראל" ב), עס מאַכט אידן הייליקער. און געגעבן געוואָרן איז שבת בלויז צוליב דעם צוועק אַז מען זאָל פאַרברענגען דעם טאָג אין לערנען ג). און כאָטש דער צוועק פון שבת איז צוליב גייסטיקן פאַרגעניגן, דאַרף מען אָבער גלייכצייטיק ניט איגנאָרירן דעם פיזישן עונג שבת. אדרבה, מען דאַרף עסן און טרינקען פון דעם שענסטן און בעסטן ד), און ווייַן דאַרף אויך זיין דערבּיי ה). אָט זעען מיר, צום ביישפּיל, ווי קיין קלענערער ווי שמאי הזקן האָט שטאַרק מקפיד געווען צו קויפן דאָס בעסטע פלייש אויף שבת. „מצא בהמה נאה אומר זו לשבת, מצא אחרת נאה הימנה מניח את השניה ואוכל את הראשונה" ו), אַז ער האָט געפונען אַ שיינע קו, האָט ער זי געהאַלטן אויף שבת. האָט ער געפונען אַ שענערע פון איר, פלעגט ער איבערלאָזן די צווייטע אויף שבת און עסן די ערשטע.

און אַז עס לוינט זיך, קען מען זען פון פאָלגענדן: ר' חייא בר אבא האָט אַמאָל געהאַלטן שבת ביי אַ בעל הבית אין לודקיא. האָט מען סערווירט טייערע עסנס און געטראַנקען אין קאָסטבּאַרע, גאָלדענע און זילבערנע כלים. האָט ר' חייא אַ פרעג געטאָן: בני, במה זכית?" „מיין קינד, פאַר וועלכע מעשים טובים האָסטו דאָס זוכה געווען?" האָט דער בעל הבית געענטפערט: „איך בין געווען אַ קצב, פלעג איך האַלטן די בעסטע בהמה אויף שבת" ז).

זיינען מיר דאָך געבענטשט שבת מיט אַ נשמה יתירה ח),

ש) ביצה טז, א.
ת) בראשית רבה פרשה יא.
א) מכילתא בשלח, הוצאת אום.
ב) מכילתא תשא.
ג) ירושלמי שבת פרק טו, הלכה ג; זעט פסיקתא רבתי סוף פיסקא כג.
ד) שבת קיח, ב; דברים רבה פרשה ג.
ה) פסחים קו, א.
ו) ביצה טז, א.
ז) שבת קיט, א.
ח) ביצה טז, א.

האָט טאַקע שבת דאָס עסן אַ גאָר באַזונדערן טעם. און עס איז כדאי צו דערמאָנען אַז אַ קיסר האָט אַמאָל געפרעגט רבי יהושע בן חנניא: „מפני מה תבשיל של שבת ריחו נודף? אמר לו תבלין אחד יש לנו ושבת שמו, שאנו מטילין לתוכו וריחו נודף. אמר לו תן לנו הימנו, אמר לו כל המשמר את השבת מועיל לו ושאינו משמר את השבת אינו מועיל לו" ט) — פאַרוואָס האָט דאָס שבת׳דיקע עסן אַזאַ באַזונדערן געשמאַק? האָט ער אים געענטפערט: מיר האָבן אַזאַ מין „פּאַטראַווע" וועלכע הייסט שבת, טוען מיר דאָס אַריין אין עסן, און דאָס גיט עס אַ ספּעציעלן געשמאַק. זאָגט ער צו אים: גיב אונז אַביסל דערפון. האָט ער אים געענטפערט, אַז ווער עס היט אָפּ שבת העלפט עס, און ווער עס היט ניט אָפּ שבת, העלפט עס ניט. נאָך מער, „כל המקיים שלש סעודות בשבת ניצול משלש פורעניות: מחבלו של משיח, ומדינה של גיהנום, וממלחמת גוג ומגוג" י). נעמלעך, ווער עס איז מקיים שבת די מצוה פון „שלוש סעודות", ווערט געראַטעוועט פון דריי אומגליקן: פון די משיח-ווייען, פון דעם גיהנום, און פון דער גוג ומגוג מלחמה.

שבת דאַרף מען זיך קליידן ריין און שיין כ). „צריך אדם להיות לו שני עטפים, אחד לחול ואחד לשבת" ל), אַ מענטש דאַרף האָבן צוויי גאַרניטורן, אַ וואָכעדיקן און אַ שבת׳דיקן. זאָגן דאָך די חכמים ז"ל אַז „כל מזונותיו של אדם קצובים לו מראש השנה ועד יום הכפורים, חוץ מהוצאת שבתות..." מ), דעם מענטשנס גאַנצע פּרנסה ווערט באַשטימט צווישן ראש השנה און יום הכפור, אויסער די אויסגאַבן וועלכע אַ מענטש דאַרף אויף שבת. נאָך מער, „כל המענג את השבת נותנין לו נחלה בלי מצרים" נ), „נותנין לו משאלות לבו" ס), ווער עס פאַרשאַפט דעם שבת פרייד, דעם גיט מען אומבאַשרענקט רייכקייט. מען גיט אים אַלץ וואָס זיין האַרץ פאַרלאַנגט. איז דאָך עונג שבת אַ זעכציקסטל פון עולם הבא ע).

וואָרום נאָר דאַן ווען מען היט אָפּ שבת ווי עס באַדאַרף

ט) שבת קיט, א.

י) שבת קיח, ב.

כ) שבת קיג, א; דברים רבה פרשה ג.

ל) רות רבה פרשה ה. פאַרגלייכט: ירושלמי פאה פרק ח, הלכה ז; תנחומא בראשית ב; פסיקתא דעשרת הדברות; שאילתות דרב אחאי גאון אָנהויב בראשית.

מ) ביצה טז, א.

נ) שבת קיח, א.

ס) שבת קיח, ב.

ע) ברכות נז, ב.

צו זיין, קען מען האָבן אַן אמת'ע גייסטיקע הנאה פון אידיש־קייט. און דער נביא שרייט אויס: „אם תשיב משבת רגלך, עשות חפציך ביום קדשי וקראת לשבת עונג... אז תתענג..." פ), אַז דו וועסט רוען שבת, פירן קיין געשעפטן, און פאַרוואַנדלען שבת אין אַן עונג שבת, דאַן וועסטו געפינען פרייד אין דעם אויבערשטן.

אַזוי גרויס און וויכטיק איז דער כוח פון שבת אַז „כל המשמר שבת כהלכתה, אפילו עובד עבודה זרה כדור אנוש מוחלין לו" צ), ווער עס היט אָפּ שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין, אַפילו ווען ער איז זינדיק ווי דער דור אנוש, איז מען אים מוחל. נאָך מער, „אלמלי משמרין ישראל שתי שבתות כהלכתן, מיד נגאלין" ק), ווען דאָס אידישע פאָלק זאָל אָפּהיטן צוויי שבת'ן ווי' עס באַדאַרף צו זיין, וואָלטן זיי באַלד אויסגעלייזט געוואָרן. און „אילו היו ישראל משמרין שבת אחת כתיקונה, מיד היה בן דוד בא" ר), ווען אידן זאָלן אָפּהיטן איין שבת ריכטיק, וואָלט משיח בן דוד געקומען. איז דאָך שבת גלייך צו אַלע מצוות ש). זאָגן דאָך אונזערע חכמים ז"ל אַז דער אויבערשטער זאָגט: „אם תזכו לשמור שבת, מעלה אני עליכם כאלו שמרתם כל המצוות שבתורה" ת), ווען איר זאָלט זוכה זיין אָפּצוהיטן שבת, וועל איך דאָס באַטראַכטן גלייך ווי איר וואָלט אָפּגעהיט אַלע מצוות פון דער תורה.

און וויל מען ווירקלעך פאַרשטיין די גרויסע באַדייטונג, די אומגעהויערע וויכטיקייט פון אָפּהיטן שבת, קען מען דאָס אפשר אָמבעסטן זען פון דעם שלאָגיקן זאָג פון אונזערע חכמים ז"ל, אַז ווער עס היט אָפּ שבת איז „כאילו עשה את השבת" א), איז גלייך ווי ער אַליין האָט באַשאַפן דעם שבת.

און טאַקע דערפאַר וואָס שבת איז אַזוי וויכטיק פאַר דעם פאָלק ישראל'ס אייביקער עקזיסטענץ אַלס אַ אידיש פאָלק, האָט שבת געהאַט אויסצושטיין ניט ווייניקער פאַרפאָלגונגען ווי דאָס אידישע פאָלק גופא. אומצייליקע מאָל האָבן די שונאי ישראל, די אידישע פיינט, פאַרבאָטן די אידן אָפּצוהיטן שבת ב). זייענדיק

פ) זעט ישעיה נח, יג—יד.

צ) שבת קיח, ב.

ק) שבת קיח, ב.

ר) ירושלמי תענית פרק א, הלכה א; שמות רבה פרשה כה.

ש) ירושלמי נדרים פרק ג, הלכה ט; שמות רבה פרשה כה.

ת) שמות רבה ענדע פרשה כה.

א) מכילתא תשא.

ב) זעט צום ביישפיל ראש השנה יט, א; מעילה יז, א.

אָבער, איבערצייגט אַז שבת און אידנטום זיינען נשמה און גוף, אַז אָהן שבת קען דאָס אידישע פאָלק ניט אָטעמען, האָבן אידן אין אַלע דורות ממש מקריב געווען, געאָפּפערט, זייערע לעבנס פאַר אָפּהיטן שבת.

אונזער רעליגיע איז דאָך דער איינציקער באַנד וועלכער האַלט צוזאַמען אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט. אַנדערע פעלקער זיינען פאַרבונדן דורך זייער לאַנד, רעגירונג, שפּראַך. אָבער מיר אידן, צעזייט און צעשפּרייט איבער אַלע ווינקעלעך פון דעם ערד קוגל, אומעטום אַ קליינע מינאָריטעט, זיינען ניט פאַרבונדן איינער מיט דעם אַנדערן דורך פיזישע מיטלען. מיר ריידן כמעט אַזויפיל שפּראַכן וויפל לענדער עס זיינען פאַראַן אויף דער וועלט. געאָגראַפיש זיינען מיר אויך ניט פאַרבונדן. רעליגיע איז דאָס איינציקע וואָס פאַרבינדט דאָס גאַנצע וועלט אידנטום. און שבת איז דער שטאַרקסטער רינג אין דער רעליגיע-קייט וועלכע פאַרבינדט אַלע אידן פון דער גאַנצער וועלט, און דער שטאַרקסטער ווינקלשטיין אין דעם פונדאַמענט פון אונזער עקזיסטענץ אַלס **אידיש פאָלק**.

און ווען אידן קומען פון שול, באַגלייט פון צוויי מלאכים ג), און אין הויז שמעקט דער שבת אַרוים פון אַלע ווינקעלעך, איז עס באמת „בא שבת בא מנוחה" ד), אַ מאָדנע רואיקייט נעמט אַרום דעם אידן. אַלע זיינע דאגות פון דער גאַנצער וואָך ווערן אויסגעוועפּט און פאַרשוואונדן.

און אויב עס געפינען זיך אידן וועלכע זיינען מחללי שבת באונס, זיי ווילן אָפּהיטן שבת נאָר זיי זיינען נעבעך געצוואונגען דערצו דורך פאַרשידענע אומשטענדן, איז טאַקע אַ גרויסער רחמנות אויף זיי. אָבער די מחללי שבת במזיד, די וועלכע פאַרשוועכן די טייערסטע און הייליקסטע אידישע מתנה ווייל אַזוי ווילט זיך זיי, זיי קען מען בלויז ענטפערן אַז דער פילע-טויזנטער-יאָר אַלטער שבת האָט שוין איבערגעלעבט פילע מחללי שבת פון דעם סאָרט, און וועט אויך זיי איבערלעבן. וואָרום די חכמים ז"ל האָבן שוין געזאָגט: „שאין שבת בטלה מישראל" ה), אַז שבת ביי אידן וועט קיינמאָל בטל ווערן. איז טאַקע ווינטשענסווערט אַז אַלע אידן זאָלן זיך אַ נעם טאָן אָפּהיטן שבת ווי עס באַדאַרף צו זיין. און דאָס וועט זיין אַן אומגעהויערער ביישטייער צו דער פאַרשטאַרקונג פון אונזער עקזיסטענץ אַלס **אידיש פאָלק**.

ג) שבת קיט, ב.

ד) תוספות סנהדרין לח, א, ד"ה חצבה.

ה) מכילתא תשא.

אגרת השבת

אגרת ששלח השבת לרבי אברהם אבן עזרא, ז"ל

אני שבת, עטרת דת יקרים,
ובין השם ובין בניו אני אות
ובי כל מעשיו כלה אלקים
ולא ירד ביום השבת אזי מן,
אני עונג לחיים על האדמה,
אני חדות זכרים וגם נקבות,
ולא יתאבלו בי האבלים,
והשקט ימצאו עבד ואמה,
ינוחון כל בהמות הם ביד איש,
וכל משכיל ביינו הוא מקדש
בכל יום ימצאו שערי תבונה,
מכובד מעשות דרך,
ושמרתיך בכל ימים,
בזקנותך שגגה נמצאה בך,
ושם כתוב לחלל (יום) ליל שביעי,
לחבר אגרת דרך האמונה,

רביעית בעשרת הדברים.
ברית עולם לכל דורים ודורים.
וכן כתוב בראשית הספרים.
למען אהיה מופת להורים, ב).
ומרגוע לעם שוכני קברים.
וששים בי זקנים עם נערים.
ובי לא יספדו על מות ישרים.
והגרים אשר הם בשערים.
כסוסים, כחמורים, כשורים.
וגם מבדיל, חשובים כנזירים.
ביומי נפתחים מאה שערים.
וכן מן מצוא חפץ ודבר כל דברים.
למען שמרתני מאד מימי נעורים.
אשר הובאו אל ביתך ספרים.
ואיך תחשה ולא תדור נדרים,
ותשלחה אל כל העברים.

ויהי בשנת ארבעת אלפים ותשע מאות ותשע עשרה שנה. בארבעה עשר יום לחודש טבת. ואני אברהם, הנקרא אבן עזרא, הייתי בעיר אחת מערי האי הנקרא קצה הארץ [הארגון] א), שהוא [שהיאן בגבול [גבול] השביעי מגבולות הארץ הנושבת. ואני הייתי ישן, ושנתי ערבה עלי. ואראה בחלום [מלאך] והנה עומד לנגדי כמראה גבר ובידו אגרת חתומה. ויען ויאמר אלי: קח זאת האגרת ששלחה אליך השבת. ואקוד ואשתחוה לה' ואברך את השם [אשר נתנה לנו ו]אשר כבדני זה הכבוד הגדול. ואתפשנה בשתי ידי. וידי נטפו מור ואקראנה, ותהי בראשיתה בפי כדבש למתוק. אך בקראי הטורים האחרונים, חם לבי בקרבי וכמעט יצאה נפשי. ואשאל את העומד לנגדי: מה פשעי ומה חטאתי, כי מיום אשר ידעתי את ה' הנכבד והנורא אשר בראני ולמדתי מצוותיו, לעולם אהבתי את השבת. ובטרם בואה הייתי יוצא לקראתה בכל לבי. גם בצאתה הייתי משלחה בשמחה ובשירים. ומי בכל עבדיה כמוני [נאמן] בארץ. ומדוע שלחה אלי זאת האגרת.

ויען, ויאמר אלי ציר השבת: הגד הוגד לה אשר הביאו תלמידיך אתמול אל ביתך ספרים פירושי התורה, ושם כתוב לחלל ליל שבת. ואתה תאזור מתניך בעבור כבוד השבת להלחם מלחמת התורה עם אויבי השבת ולא תשא פני איש. ואיקץ, ותתפעם רוחי עלי, ונפשי נבהלה מאד, וחמתי בערה בי.

ואלבש בגדי, וארחץ ידי ואוציא הספרים חוצה אל אור הלבנה. והנה כתוב שם פירוש [בפירוש] „ויהי ערב ויהי בוקר", והוא אומר: כי כאשר היה בוקר יום שני, אז עלה יום אחד שלם [אתמול], כי הלילה הולך אחר היום. וכמעט קט קרעתי בגדי, וגם קרעתי זה הפירוש. כי אמרתי טוב לחלל שבת אחד, ולא יחלל ישראל שבתות הרבה אם יראו זה הפירוש הרע. גם נהיה כולנו ללעג ולקלס בעיני הגוים. ואתאפק בעבור כבוד השבת. ואדור נדר אם אתן שנת לעיני אחר [אחרין] צאת יום הקדוש, עד שאכתוב אגרת ארוכה לבאר מתי ראשית יום התורה, להרים מכשול ולהסיר פח ומוקש. כי כל ישראל, הפרושים גם הצדוקים עמהם, יודעים כי לא נכתבה פרשת בראשית להגיד מעשי השם ב"ה בכל יום, רק בעבור שידעו שומרי התורה איך ישמרו השבת כאשר שבת השם הנכבד לספור ימי השבוע [ימי השבת, ימי בראשית].

והנה, אם היה סוף יום הששי עד בוקר יום השביעי, היה לנו לשמור [לספור] הלילה הבא. והנה זה הפירוש מתעה [מתעתע, מתמה] כל ישראל במזרח ובמערב, גם הקרובים, גם הרחוקים, גם החיים, גם המתים. והמאמין בפירוש הזה, השם ינקום נקמת השבת ממנו. והקורא אותו בקול גדול תדבק לשונו לחכו. גם הסופר הכותב אותו בפירושי התורה, ידו יבוש תיבש, ועין ימינו כהה תכהה. ולכל בני ישראל יהיה אור.

א) זעט: במדבר כא, יג; כב, לו; דברים ב, כד; ג, טז; יהושע קאפיטל יב; שופטים יא, יג-כג, און אלע מפרשים אויפן אָרט. ב) אפשר דאַרף שטייען לדורים.

פאַרגלייכט די נוסחאות אין: סוף שולחן ערוך פון האר"י ז"ל, פראַנקפורט אַם מאַין, תנ"א; מבחר המאמרים, ר' נתן בר' שמואל הרופא, ליורנו, תק"ץ; תענוג שבת, ניו יארק, תשט"ו; כרם חמד, באַנד 3, זייט 158-84, 1839; ספר השבת, דביר, תל־אביב, תשי"ב.

דער שבת בריוו

דער בריוו וועלכן שבת האָט געשיקט צו ר׳ אברהם אבן עזרא קיין לאָנדאָן, ענגלאַנד

איך, שבת, בין די קרוין פונעם אידישן גלויבן, דער פערטער פון די עשרת הדברות;
צווישן השם און זיינע קינדער בין איך אַ צייכן, דער אייביקער בונד אויף דור דורות;
אין מיר האָט דער באַשעפער געענדיקט אַלע זיינע שאַפונגען, און אַזוי איז געשריבן אין ספר בראשית;
שבת האָט קיין מאָל ניט אַראָפּגענידערט, כדי איך זאָל זיין אויף דורות אַ מופת;
איך בין אַ פאַרגעניגן צו די לעבעדיגע אויף דער ערד, און אַ באַרואיגונג פאַר די טויטע;
איך בין אַ פרייד פאַר מענער און פרויען, עס פרייען זיך אין מיר יונגע און אַלטע;
און עס טרויערן אין מיר קיינע טרויערנדיקע, און מען באַקלאָגט ניט דעם טויט פון גערעכטע;
און רו געפינען קנעכט און דינסט, און אין די טויערן די פרעמדע.
עס רוען אַלע בהמות ביי יעדער מענטשן, אייזלען, אָקסן און פערד;
יעדער איינער מאַכט קידוש איבער וויין, און אויך הבדלה — ווי נזירים איז זייער ווערט;
יעדער טאָג געפינט מען טויערן פון פאַרשטאַנד, אין מיין טאָג הונדערט מאָל אַזוי פיל אָפן ווערט:
איך בין געערט מען זאָל ניט טאָן מאַטעריעלע זאַכן, ניט אַלע רייד זאָלן ווערן געהערט
און איך האָב דיך געהיט אַלע טעג, ווייל פון דער יוגנט אָן האָסטו זעהר אָבזערווירט;
אָבער אויף דיין עלטער איז ביי דיר אָן אומשולדיק אומרעכט געשען, מען האָט אין דיין הויז ספרים אַריינגעפירט;
און דאָרטן איז געשריבן מחלל צו זיין דעם זיבעטן טאָג (פרייטיק נאַכט) ווי זשע קאָנסטו שווייגן און ניט טאָן אַ נדר;
צו פאַרפאַסן אַ בריוו לויטן וועג פון אמונה, און שיקן אים צו אַלע אונזערע ברידער.

און עס איז געווען אין דעם יאָר פיר טויזנט נייען הונדערט נייענצן אין מיטן פרייטיק־צו־נאַכטס, פערצן טעג אין חודש טבת. און איך אברהם דער ספרדי, וועלכער ווערט אָנגערופן אבן עזרא, בין געווען אין איינער פון די שטעט פונעם אינזל וואָס ווערט אָנגערופן קצה הארץ [עק וועלט] און איז אין דער זיבעטער גרענעץ פון די גרענעצן פונעם באַזעצטן לאַנד, און איך בין געשלאָפן זעהר געשמאַק. און איך האָב געזען אין חלום ווי אייגער [אַ מלאך], ווי דאָס געשטאַלט פון אַ מאַן, שטייט קעגנאיבער מיר, און ער האַלט אַ פאַרמאַכטן בריוו אין זיין האַנט. און ער האָט געזאָגט צו מיר: נעם דעם דאָזיקן בריוו וועלכן דער שבת האָט געשיקט צו דיר. איך האָב זיך פאַרנויגט און זיך געבוקט צו ה׳, און אים געבענטשט פאַר זיין אָנטאָן מיר דעם דאָזיקן גרויסן כבוד. איך האָב אים [דעם בריוו] אָנגעכאַפּט מיטביידע הענט, און מיינע הענט האָבן געטריפט מור און איך האָב אים געלייענט. איז צום אָנהויב איז ער געווען אין מיין מויל זיס ווי האָניק. אָבער לייענענדיק די לעצטע שורות האָט מיין האַרץ זיך צעהיצט אין מיר, און די נשמה איז כמעט אַרויס פון מיר. איך האָב געפרעגט דעם געשטאַנענעם קעגנאיבער מיר וואָס איז מיין פאַרברעכן און וואָס איז מיין זינד. וואָרום זינט מיר איז באַקאַנט געוואָרן דער פאַרערטער און פאָרכטיקער שם וועלכער האָט מיך באַשאַפן און איך האָב געלערנט זיינע מצוות, האָב איך שטענדיק ליב געהאַט דעם שבת. פאַר זיין אָנקומען בין איך געגאַנגען אים באַגעגענען מיט מיין גאַנצן האַרץ. אויך ביי זיין אַוועקגיין האָב איך אים באַגלייט מיט פרייד און מיט געזאַנג. און ווער צווישן זיינע דינערס איז אַזוי באַגליבט ווי איך. פאַרוואָס זשע האָט ער מיר געשיקט דעם דאָזיקן בריוו?

האָט דער שליח פונעם שבת מיר געענטפערט און געזאָגט צו מיר: מען האָט דערציילט דעם שבת אַז דיינע תלמידים האָבן געבראַכט נעכטן אין דיין הויז אַריין ספרים וועלכע טייטשן אויס די תורה, און דאָרט איז געשריבן מחלל צו זיין דעם שבת [פרייטיק נאַכט]. זאָלסטו אָנגורטן דיינע לענדן פאַרן כבוד פונעם שבת צו קעמפן די מלחמה פאַר דער תורה קעגן די פיינט פונעם שבת, און דו זאָלסט שאַנעווען קיין מענטש. און איך האָב זיך אויפגעכאַפּט און מיין אָטעם האָט געקלאַפּט, און מיין געמיט איז געוואָרן זעהר צעמישט. איך האָב זיך אויפגעהויבן און מיין גרימצאָרן האָט געברענט אין מיר.

און איך האָב אָנגעטאָן מיינע קליידער, געוואַשן מיינע הענט, אַרויסגעטראָגן די ספרים אויף דער גאַס אין דער ליכטיקייט פון דער לבנה. און אָט דאָרט איז געשריבן אַז „ויהי ערב ויהי בקר" מיינט: ווען עס איז געווען דער פרימאָרגן פונעם צווייטן טאָג, איז עס דענצמאָל געוואָרן אַ גאַנצער טאָג, ווייל די נאַכט גייט נאָכן טאָג.

איך האָב כמעט צעריסן מיינע קליידער, און איך האָב צעריסן דעם פירוש. וואָרום איך האָב זיך געטראַכט בעסער מחלל זיין איין שבת, איידער אידן זאָלן מחלל זיין פילע שבתים [שבתות], אויב זיי וועלן זען דעם דאָזיקן שלעכטן [פאַלשן] פירוש. מיר אַלע וועלן זיין אויך צו געלעכטער און צו שפּאָט אין די אויגן פון די פעלקער. אָבער איך האָב זיך איינגעהאַלטן צוליב דעם כבוד פון שבת. און איך האָב געטאָן אַ נדר ניט צו לייגן זיך שלאָפן נאָכן אַוועקגיין פונעם הייליקן טאָג ביז איך וועל אָנשרייבן אַ לאַנגן בריוו צו דערקלערן דעם אָנהויב פונעם ערשטן טאָג פון דער תורה, צו אָפּראָמען אַ שטרויכלונג און באַזייטיקן אַ נעץ און אַ פּאַסטקע. וואָרום אַלע אידן, די פרושים און די צדוקים מיט זיי, ווייסן אַז די פרשה בראשית איז געשריבן געוואָרן צו דערציילן דעם באַשעפערס שאַפונגען יעדער טאָג בלויז צוליב דעם אַז די וועלכע היטן אָפּ די תורה זאָלן וויסן ווי אַזוי אָפּצוהיטן שבת פונקט אַזוי ווי השם יתברך האָט גערוט, צו ציילן די טעג פון דער וואָך.

הייִנט, אויב דער סוף פונעם זעקסטן טאָג וואָלט געווען ביז דעם זיבעטן טאָג [שבת] אין דער פרי, וואָלטן מיר דאָך באַדאַרפט היטן די פאָלגענדיקע [שבת] נאַכט. ווער דאָך דער דאָזיקער פירוש פאַרפירן אַלע אידן אין מזרח און אין מערב, די נאָענטע און די ווייטע, די לעבעדיקע און די טויטע, א).

און דער וועלכער גלויבט אין דעם דאָזיקן פירוש, זאָל השם יתברך זיך נוקם זיין אין אים די נקמה פונעם שבת. און דער וועלכער לייענט אים אויף אַ הויך קול, זאָל זיין צונג ווערן צוגעקלעפּט צו זיין גומען. אויך דער שרייבער וועלכער שרייבט אים אין די פירושים אויף תורה, זאָל זיין האַנט [אָרעם] ווערן פאַרדאַרט, און זיין רעכט אויג זאָל ווערן טונקל. און צו אַלע אידן זאָל זיין ליכטיק.

א) זעט אבן עזרא בשלח טז, כה.

[איבערזעצט פון לשון הקודש אַזוי ווערטערלעך ווי מעגלעך, און אַזוי פריי ווי נויטיק, פון א. ר.].

תורה, דער כוח פון לערנען תורה

תורה איז איינע פון די זיבן זאכן וועלאכע זיינען געוואָרן בעשאפן פאַר דעם וועלט בעשאַף.

תורה איז איינע פון די דריי זאכן אויף וועלאכע די וועלט האַלט זיך.

אָהן תורה וואָלטן הימל און ערד ניט עקזיסטירט.

דער אייבערשטער אַליין זיצט און לערנט תורה די ערשטע דריי שעה פון דעם טאָג.

דער אייבערשטער אַליין זאָגט אַז זינט דאָס בית המקדש איז געוואָרן חרוב, איז אַלץ וואָס ער פאַרמאָגט אין זיין וועלט זיינען די „ד׳ אמות של הלכה״.

דער אייבערשטער זאָגט: ווער סע לערנט תורה און טוט גמילות חסדים און דאַוונט בציבור, איז גלייך ווי ער וואָלט אויס געלייזט מיך און מיינע קינדער פון צווישן די פעלקער פון דער וועלט.

דער אייבערשטער זאָגט אַז איין טאָג לערנען איז ליבער אים פון טויזנט קרבן עולות.

דער אייבערשטער וויינט יעדער טאָג אויף דעם וועלאכער האָט די מעגליכקייט צו לערנען און לערנט נישט. און אויף דעם וועלאכער האָט נישט די מעגליכקייט צו לערנען און לערנט יאָ.

תורה איז איינע פון די דריי מתנות וועלאכע דער אייבער־שטער האָט געגיבן די אידן דורך יסורים. [די אַנדערע צוויי זיינען ארץ ישראל און עולם הבא].

תורה איז ליכט.

תורה איז דער בוים פון לעבן.

די תורה איז אַ בוים פון לעבן פאַר די יעניקע וועלאכע האַלטן זיך אָן פעסט אין איר.

תורה, לערנען, איז געגליכן צו אַ לעבנס רעצעפּט.

תורה איז געגליכן צו אַ גוטער פרוי.

ווער עס לערנט תורה ביי נאַכט, איז די שכינה אַנטקעגן אים.

ווער עס לערנט תורה, ערפילט דער אייבערשטער זיינע פער־לאַנגען.

ווען צען מענטשן, אָדער פינעף, דריי, צוויי זיצן און שמועסן אין לערנען רוט די שכינה צווישן זיי.

אַפילו ווען איין מענטש זיצט און לערנט תורה איז די שכינה מיט אים.

ווען דריי מענטשן עסן ביי איין טיש און זיי רעדן דברי תורה, איז גלייך ווי זיי וואָלטן געעסן פון דעם אייבערשטנס טיש.

תורה איז גרעסער פון ראַטעווען מענטשן, פון בויען דאָס בית המקדש, און פון עהרליך האַלטן עלטערן.

די קרוין פון תורה, לערנען, איז וויכטיקער פון דער קרוין פון כהונה, און פון דער קעניגליכער קרוין.

בלויז תורה איז כבוד.

לערנען תורה איז מעהר פון אַלץ.

ווער עס לערנט אַ צווייטנס אינגל תורה איז גלייך ווי ער איז זיין פאָטער.

ווער עס איז מקיים, לערנט די תורה אוים אָרימקייט, דער וועט ענדליך מקיים זיין זי אוים רייכקייט.

לאַנג לעבן איז אין דער תורה׳ס רעכטער האַנד, רייכקייט און כבוד זיינען אין איר לינקער האַנד.

לערנען תורה איז גרעסער פון מקריב זיין דעם קרבן תמיד.

ווען איינער לערנט תורה לשמה, טאַקע בלויז צוליב לערנען, ווערט עס פאַר אים אַ לעבנס רעצעפּט.

ווער עס לערנט תורה לשמה איז זוכה צו פילע זאַכן.

ווער עס לערנט תורה לשמה, צוליב לערנען, נישט צו ליב פּערזענליכע פּאַרדינסטן, דער מאַכט שלום אין דעם הימלישן געריכט, און אין דעם אונטערשטן געריכט. ער איז גלייך ווי ער האָט געבויעט פּאַלאַצן אויבן און אונטן. ער באַשיצט די גאַנצע וועלט. ער דער־נענטערט די גאולה, די אוים לייזונג פון דעם גלות.

לערנען איז גוט אַפילו שלא לשמה, אַפילו ווען מע לערנט נישט צוליב לערנען, נאָר צוליב אַנדערע טעמים. ווייל דאָס לערנען נישט צוליב לערנען פירט צו לערנען צוליב לערנען.

וואָס מעהר איינער לערנט, אַלץ לענגער לעבט ער.

תורה איז דיין לעבן אויף דער וועלט, און דיינע לאַנגע יאָרן אויף יענער וועלט.

תורה לערנען גיט לעבן אויףביידע וועלטן צו די וועלאַכע טוען עס.

ווער עס ערווערבט זיך תורה, ערווערבט זיך עולם הבא.

פאַר האָרעווען אין לערנען תורה, איז אָן געגרייט אַ גרויסער שכר.

ווער עס היט די תורה, ווערט זיין נשמה געהיט.

תורה לערנען ברייינגט צו פאַרזיכערקייט.

תורה פאַר היט דעם מענטשן פון שלעכטס אין זיין איגנט, און זי גיט אים אַ לעבנס ציל און האָפענונג אויף די עלטערע יאָרן.

ווער עס נעמט אויף זיך דעם יאָך פון תורה, נעמט מען אַראָפּ פון אים דעם יאָך פון דער רעגירונג.

ווער עס לערנט תורה, זיינען זיינע פעלדער [געשעפטן] מצליח.

ווער עס לערנט תורה, האַלטן יסורים זיך ווייט פון אים.

אַז מע איז עוסק אין תורה, מע לערנט, פאַרגיבט מען די זינד.

דער וועלאַכער פערשווארצט זיין פנים צו ליב תורה אויף דער וועלט, וועט דער אייבערשטער מאַכן בליאַסקען זיין פנים אויף יענער וועלט.

דער וועלאַכער הונגערט אויף דער וועלט צו ליב לערנען תורה, דעם וועט דער אייבערשטער אָן זעטיקן אויף יענער וועלט.

ווער עס לערנט תורה אויף דער וועלט, וועלאַכע איז געגליכן צו נאַכט, ציט אוים דער אייבערשטער אויף אים אַ פאָדעם פון חסד, גענאָד, אויף יענער וועלט, וועלאַכע איז געגליכן צו טאָג.

ווער עס לערנט תורה ביי נאַכט, ציט אוים דער אייבער־שטער אויף אים אַ פאָדעם פון חסד, גנאָד, ביי טאָג.

די נאַכט איז געוואָרן בעשאַפן צו לערנען.

ווער עס לערנט תורה אַפילו בלויז איין טאָג אין יאָר, ווערט עס בעטראַכט גלייך ווי ער וואָלט געלערנט אַ גאַנץ יאָר.

אַן אָרימאַן איז בלויז דער יעניגער וועלאַכער איז אָרים אין תורה.

תורה ראַטעוועט פון די משיח ווייען.

ווער עס לערנט תורה און טוט גמילות חסדים, איז זוכה צו די נחלות פון די שבטים יוסף און יששכר, א).

ווער עס פאַרעהרט די תורה, ווערט פאַרעהרט פון לייטן.

וואויל איז דעם וועלאַכער קומט אויף יענער וועלט, און ער האָט זיין תורה לערנען, זיין תורה באַגאַזש מיט זיך.

א) זעט רש״י בבא קמא יז, א, ענדע פרק א׳.

אַפילו אַ נישט איד, ווען ער לערנט תורה איז ער געגליכן צו אַ כהן גדול.

אַז מע לערנט תורה ווערט מען נישט איבער געגיבן אין דעם יצר הרע׳ס הענט.

וואויל צו די אידן: ווען זיי לערנען תורה, און טוען גמילות חסדים, ווערט זייער יצר הרע איבער געגיבן אין זייערע הענט, און זיי ווערן נישט איבער געגיבן אין זיינע הענט.

לערנען תורה איז נישט באַשרענקט פאַר בלויז אַ געווימן קלאַס מענטשן. יעדער איינער קאָן ערווערבן זיך די קרוין פון דער תורה, פון לערנען.

אַזוי ווי אַ קינד דאַרף זויגן יעדער טאָג, אַזוי דאַרף אַ מענטש האָרעווען אין תורה יעדע שעה.

אַ מענטש דאַרף נעמען אויף זיך דאָס לערנען תורה ווי אַן אָקס נעמט זיך צום יאָך און ווי אַן אייזל צו זיין משא, לאַסט.

אַפילו ביים שטאַרבן זאָל מען נישט פערמיידן זיך פון דברי תורה.

תורה קומט אַרויס פון דעם אָרימען קלאַס מענטשן.

אַ מענטש דאַרף וואוינען אין אַן אָרט וואו מען לערנט תורה.

אַ מענטש זאָל שטענדיג לערנען תורה אין אַן אָרט וואו סע ווילט זיך אים לערנען.

תורה האָט אַ קיום נאָר ווען מע איז מוסר נפש זיך פאַר דעם.

תורה קאָן עקזיסטירן בלויז ביי דעם וועלאַכער האַלט זיך פאַר נישט עקזיסטירנד.

אַ מענטש זאָל שטענדיג אַן לערנען זיך מיט תורה צו ערשט, און דער נאָך זאָל ער טראַכטן.

איבער׳חזר׳ן דעם פרק הונדערט מאָל איז נישט דאָס זעלבע ווי איבער׳חזר׳ן הונדערט און איין מאָל.

ווער סע באַנוצט זיך מיט דער קרוין פון דער תורה פאַר אַ פערזענליכן צוועק, ווערט אוים געריסן פון דער וועלט.

ווען צוויי תלמידי חכמים געהען אין וועג, און זיי רעדן נישט אין לערנען, זיינען זיי ווערט צו ווערן פאַרברענט.

ווען צוויי מענטשן זיצן און רעדן נישט אין לערנען, איז דאָס אַ זיצונג פון אָפּ שפעטער. און דער פסוק זאָגט „ובמושב לצים לא ישב״, און ער איז נישט געזעסן אין דער זיצונג פון אָפּ שפעטער. [מע זאָל נישט פאַרשווענדן די צייט מיט דברים בטלים, מיט פוסטע רייד].

ווען דריי מענטשן עסן ביי איין טיש און שמועסן נישט אין לערנען, איז גלייך ווי זיי וואָלטן געעסן פון גע׳פגר׳טע קרבנות.

אַ תלמיד חכם וועלכער הערט אויף לערנען איז ווי אַ וואַנ-דערדיקער פויגל.

פאַר אַראָפּ נעמען פון זיך דעם עול פון תורה, ווערט מען באַשטראָפט אויף דער וועלט.

ווער עס שייד אָפּ זיך פון תורה פאַלט אַריין אין גיהנם.

ווער עס לערנט קיין תורה ווערט אַן געדופן נזוף, געטאַ-דעלטער.

ווער עס הערט אויף צו לערנען, און ער פאַרנעמט זיך מיט שמועסרייען, קאָרמעט מען אים מיט קוילן פון בייזעם ביימלאַך.

דער וועלאַכער שייד אָפּ זיך פון תורה, פאַרצעהרט אים פייער.

ווער עס נעמט אַראָפּ פון זיך דעם יאָך פון תורה, לעגט מען אַרויף אויף אים דעם יאָך פון דער מלוכה און דעם יאָך פון פּרנסה.

אַ הויז וואו מע לערנט תורה ביי נאַכט, ווערט נישט חרוב.

אַ הויז אין וועלאַכן עס הערט זיך קיין דברי תורה ביי נאַכט, ווערט פאַרברענט.

קיין תורה, קיין דרך ארץ, [קיין דרך ארץ, קיין תורה].

קיין תורה, קיין איינקופט, [קיין איינקופט, קיין תורה].

פאַר ביטול תורה, פאַר פערנאַכלעסיגן צו לערנען תורה, שטאַרבן קינדער.

אַז מע לערנט קיין תורה, רעגנט נישט.

ווער עס פאַרשוועכט די תורה, ווערט פאַרשוועכט פון לייטן.

ווער עס היט נישט די תורה, ווערט זיין נשמה נישט געהיט.

ווער עס איז מבטל תורה אוים רייכקייט, דער וועט ענדליך מבטל זיין זי אוים אָרימקייט.

אַזוי לאַנג ווי דאָס קול פון תורה איז נידעריג, געוועלטיגן עשו׳ס הענט.

ווער עס גלויבט נישט אין תורה מן השמים, האָט קיין עולם הבא.

ווער עס גלויבט נישט אין תורה מן השמים, דער האָט מבזה געווען דעם אייבערשטנס וואָרט.

ווער עס טייטשט אוים די תורה נישט ווי די הלכה, אַפילו ווען ער האָט תורה און מעשים טובים, האָט קיין חלק אין עולם הבא.

די פינף תורה חומשים וועלן קיין מאָל ווערן בטל.